בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים

~ **אידיש** ~

קונטרס ל"ב, תצוה - כי תשא תשע"ט

# תוכן השיעור

'כי מרחמם ינהגם'

'מנעימין זה לזה'

"טוב מעט לצדיק..."

'דאחיד בשמיא וארעא'

'מחשבה מועלת לדברי תורה'

אשר שם 'שמות' בארץ

'נתון תתן לו - ולא ירע לבבך בתתך לו'

'להרחיב הפתחים של הקדושה'

'לפי הטף'

'ציון במשפט תפדה'

'ויקם משה את המשכן'

להאזין אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב; **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את מס' הנ"ל

אירופה; **033-03900485** ואח"כ להקיש את מס' הנ"ל

לשמוע השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 32

©

כל הזכויות שמורות

**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל;**

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443** (מארה"ק; **072-257-3456**)

לקבל את הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל;

**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים בבי-דואר (בכל שבועיים) עבור מחיר חודשי של 10$ עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (+1)**

# פרשת יתרו, תשל"ד

## ~ ובו חלק משיעור בספה"ק ליקוטי מוהר"ן תו' ס"ו - ותו' ב' ~

(טייפ מס' #19)

## 'כי מרחמם ינהגם'

(חסר ההתחלה) דער רבי זאגט;[א] "מי שהוא רחמן" - ער קען זיין א מנהיג! פון דארטן קומט אוים, מי שהוא 'רחמן', (דאס מיינט) - ער איז תמיד עוסק אין די מידה פון רחמנות, ער איז א 'רחמן', ער זעהט תמיד נאר ממשיך צו זיין רחמנות, און אלע מיני עצות פון רחמנות, רחמנות! נאר זעהן רחמנות! - ער קען זיין א מנהיג! און אזא מנהיג וויל דער אויבערשטער, אזא מנהיג וויל דער אויבערשטער!

א קליינינגקייט? מען קען אויסמאלן אזא זאך?! א מענטש - משה רבינו - א יאר צייט האט ער אָפּגעהארעוועט 'יציאת מצרים', מיט 'אותות נפלאות', מיט 'קריעת ים סוף', און האט שוין מקרב געווען צו די תורה, מ'האט שוין געגעבן די תורה, א געוואלד - - - אין די היינטיגע סדרא מאלט אוים דער מדרש[ב] די 'קבלת התורה', פון אלע אידן איז ארוים די נשמה, א געוואלד!

- - ס'קומט פערציג טעג, מאכט מען א 'עגל'?! מען איז אזוי מבזה דעם צדיק?! ווי איז דעם כבוד פון צדיק? דער כבוד פון משה?[ג] מען איז מבזה דעם צדיק - א געוואלד, א געוואלד! משה רבינו וואלט געדארפט זאגן דעם אויבערשטן; "דו ביזט

---

[א] ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' ז' אות א'; כִּי מְרַחֲמָם יְנַהֲגֵם (יְשַׁעְיָה מ"ט) — הַיְנוּ מִי שֶׁהוּא רַחֲמָן, הוּא יָכוֹל לִהְיוֹת מַנְהִיג.

[ב] מדרש רבה שמות, כ"ט ד'.

[ג] עי' ליקוטי הלכות הל' שבת ו' אות י"ג; כִּי עִקַּר חֵטְא הָעֵגֶל הָיָה פְּגַם אֱמוּנָה, שֶׁעָשׂוּ עֲבוֹדָה זָרָה וּפָגְמוּ בָּאֱמוּנָה, וְעִקַּר הַפְּגַם הָיָה עַל יְדֵי פְּגַם אֱמוּנַת חֲכָמִים, שֶׁעַל יְדֵי זֶה בָּאוּ לַעֲבוֹדָה זָרָה וְעָשׂוּ אוֹתוֹ מַעֲשֶׂה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב שָׁם כִּי זֶה מֹשֶׁה הָאִישׁ לֹא יָדַעְנוּ מַה הָיָה לוֹ, שֶׁהָיָה קָשֶׁה לָהֶם קֻשְׁיוֹת עַל מֹשֶׁה עַל שֶׁאֵחֵר לֵירֵד, וְלֹא בִּטְלוּ דַּעְתָּם לְהַאֲמִין בּוֹ שֶׁבְּוַדַּאי דְּרָכָיו יְשָׁרִים, אַף עַל פִּי שֶׁאֵינָם יְכוֹלִים לְהָבִין בְּשִׂכְלָם, אֲבָל הֵם לֹא הֶאֱמִינוּ אָז בְּמֹשֶׁה, וּפָגְמוּ בֶּאֱמוּנַת חֲכָמִים, עַד שֶׁבָּאוּ לְמַה שֶּׁבָּאוּ...

טאקע גערעכט, מאך פון זיי א 'כליה', זיי זענען דאך עזות פנים'ער"! ניין - "ויחל משה"! זאגט די גמרא[ד] - עס האט איהם אנגעכאפט א 'ציטערניש', און ער האט זיך 'אויסגעווארפן' - זאגט די גמרא - ס'איז נישט געווען קיין ווינקל אין הימל וואס משה האט זיך נישט אויסגעווארפן, אין אלע ווינקלעך אויסגעווארפן, אומעטום! אזוי שטייט "ויחל משה"! ביז דער אויבערשטער האט געזאגט "אז ער איז מוחל"!

אזא מנהיג וויל דער אויבערשטער!!!

דער אויבערשטער האט געזאגט "הניחה לי" - לאז מיך אפ, לאז מיך אפ! זאגט די גמרא[ה] - מיט דעם האט דער אויבערשטער איהם געגעבן א וועג אז אין איהם איז געווענדט אלדינגס! וואס האט דער אויבערשטער איהם געזאגט לאז מיך אפ? איך האב דיך אָנגעהאלטן? נאר דאס איז א סימן אז דער אויבערשטער וויל - אז ס'איז אין דיר געווענדט!

"לאז מיך אפ" הייסט - הער אויף מיך צו (מפייס זיין), וועל איך "ואכלם"[ו]! (האט משה געזאגט) אויב "לאז מיך אפ"?! וויל איך נישט אפלאזן!!!

*

אין דער מדרש איז דא,[ז] אז המן האט געזאגט די גזירה פון "להשמיד" האט דער אויבערשטער געזאגט; "דו זאגסט 'להשמיד'?! אז איך האב געזאגט 'להשמיד' האט מיך נישט געהאלפן, משה האט געזאגט 'ניין' - איז געווארן 'ניין'! זאגסטו 'להשמיד'?! דיר וועט העלפן 'להשמיד'?!!!

משה האט געזאגט 'ניין' - איז געווארן 'ניין', אזא מנהיג וויל השי"ת! אפילו ס'איז אזא מין זמן, וואס דער זמן איז רח"ל א 'עגל', ס'איז א קליינינגקייט?!

ביים "סלחתי כדברך" זאגט דער מדרש[ח] - אין שלח לך ביי די מרגלים - "סלחתי כדברך ואולם חי אני", זאגט דער מדרש אז משה האט געזאגט צום אויבערשטן;

---

[ד] עי' ברכות דף ל"ב ע"ב.

[ה] עי' שמות ל"ב ט' רש"י ד"ה הניחה לי.

[ו] שמות ל"ב י'.

[ז] מדרש רבה, אסתר ז' י'.

[ח] מדרש רבה, דברים ה' י"ב.

לאמיר זעהן, דו זאגסט ("אכנו בדבר", ואני אומר "סלח נא", הדבר מוכרע, נראה מי נוצח, אתה ה' או אני) - לאמיר זעהן ווער וועט אויספירן, איך צו דו?! האט דער אויבערשטער געזאגט; "משה, דו האסט אויסגעפירט! נישט איך"! דער מדרש זאגט אזוי! משה האט געזאגט די זאגסט דאך אז דו וועסט מאכן (כליה ח"ו), מען וועט זעהן ווער ס'וועט אויספירן! (אמר לו הקב"ה;) "משה, דו האסט אויסגעפירט"! - "(סלחתי) כדברך"!

*

# 'מנעימין זה לזה'

ס'איז דאך א געוואלדיגע זאך, אזא מנהיג - דאס איז דער קיום פון דער וועלט! און דאס איז דער מנהיג וואס ער 'איז' - און דער מנהיג וועט זיין 'ווייטער' מנהיג! "מה שהיה הוא שיהיה" (- ראשי תיבות "משה"),[ט] דער מנהיג וועט זיין שפעטער אויך!

דאס איז דעם רבי'נס זאך![י] און דאס דארפן מיר האבן - דער וועג דארפן מיר גיין! נאר גיין איינער מיט'ן צווייטן - דארף נאר גיין מיט א מידה פון רחמנות! מיט א ישוב הדעת! נישט מיט קיין הקפדות![יא]

---

[ט] תיקוני הזוהר, תיקון ס"ט דף קי"ב ע"ב, עפ"י הפסוק בקהלת א', ועי' ליקוטי מוהר"ן תו' ז' תניינא אות ב'.

[י] עי' ליקוטי הלכות הל' השכמת הבוקר ד' באריכות, וז"ל באות ט"ז: וְהִנֵּה עִנְיַן מַחֲלֹקֶת הַנַּ"ל בְּעִנְיַן הַהִתְקָרְבוּת הַנְּפָשׁוֹת הָרְחוֹקוֹת מְאֹד מְאֹד, שֶׁאֵין רָאוּי מִן הַדִּין לְקָרְבָן, הִנֵּה עִנְיַן מַחֲלֹקֶת זֹאת, זֶהוּ בְּחִינַת כְּלַל הַמַּחֲלֹקֶת שֶׁבְּכָל דּוֹר עַל הַצַּדִּיקִים הַשְּׁלֵמִים הָעוֹסְקִים לְקַבֵּל נַפְשׁוֹת הָרְחוֹקִים לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁרַבִּים מְאֹד קָמִים עֲלֵיהֶם, וְגַם רַבִּים מִגְּדוֹלֵי הַצַּדִּיקִים חוֹלְקִים עֲלֵיהֶם, מֵחֲמַת שֶׁמִּדַּת הַדִּין מִתְלַבֵּשׁ בָּהֶם, וְעַל-יְדֵי זֶה נִכְנַס בְּלִבָּם טִינָא, עַד שֶׁנִּדְמֶה לָהֶם כְּאִלּוּ אֵינוֹ מִתְנַהֵג כָּרָאוּי וְחוֹלְקִים עָלָיו, כַּאֲשֶׁר כְּבָר הָיָה לְעוֹלָמִים בְּרוֹב הַדּוֹרוֹת, וּבִפְרָט בְּיָמֵינוּ בְּעִקְּבוֹת מְשִׁיחָא שֶׁנִּתְרַבָּה הַקַּטֵּגוֹרְיָא בֵּין הַתַּלְמִידֵי חֲכָמִים מְאֹד, וּבְיוֹתֵר עַל רַבֵּנוּ הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא זצוק"ל, עַל אֲשֶׁר מָסַר נַפְשׁוֹ מִנֶּגֶד, וְעָסַק כָּל יָמָיו לְרַחֵם עַל יִשְׂרָאֵל עַל כָּל הָרְחוֹקִים לְקָרְבָם לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

[יא] עי' שבחי הר"ן אות כ"ב; וְגֹדֶל עֹצֶם הַפְלָגַת מִדַּת טוּבוֹ הָיָה מְפֻרְסָם לְכָל מַכִּירָיו, כִּי הָיָה רַק כֻּלּוֹ טוֹב בְּלִי שׁוּם צַד קְפֵדָה וְכַעַס כְּלָל, רַק כֻּלּוֹ טוֹב. וְזֶה זָכָה בְּאֶרֶץ-יִשְׂרָאֵל כַּנַּ"ל ... עַד שֶׁאַחַר-כָּךְ אֲפִלּוּ מִי שֶׁהָיָה עוֹשֶׂה לוֹ כָּל הָרָעוֹת שֶׁבָּעוֹלָם לֹא הָיָה בְּלִבּוֹ שׁוּם צַד שִׂנְאָה וּקְפֵדָא עָלָיו, אַדְּרַבָּא הָיָה אוֹהֲבוֹ וְלֹא הָיָה בְּלִבּוֹ עָלָיו כְּלָל כִּי הָיָה רַק כֻּלּוֹ טוֹב מַמָּשׁ.

דער רבי האט געזאגט; **'אז משיח וועט אפנעמען דער וועלט - ער וועט נישט אויסשיסן קיין איין פולוועה'!**[יב]

**דאס איז אונזער זאך! דאס איז אונזער וועג! מיט "נעימות"! "מנעימין זה לזה"!**[יג]

**אז איך דארף יענעם זאגן עפעס א זאך, איך זעה יענעם מיט אן עוולה, דארף איך פריער בעהטן דעם אויבערשטן; "וויאזוי זאל איך איהם זאגן? וויאזוי זאל איך איהם זאגן - איך זאל איהם נישט מחליש דעת זיין, איך זאל איהם נישט אראפווארפן"?! בעהטן דעם אויבערשטן!**

דער רבי ברענגט דאך; **"תמה אני** (אם יש בדור הזה מי שיכול להוכיח)**"?!**[יד] **נישט יעדער איינער קען מוכיח זיין! ס'איז א מצוה אין די תורה "הוכח תוכיח", אבער נישט יעדער קען דאס!**[טו]

**וואס איז די עצה אינעם רבי'נס זאך? דארף ער בעהטן דעם אויבערשטן פריער, בעהטן דעם אויבערשטן פריער, "וויאזוי זאל איך** (איהם מוכיח זיין)**"? איך מוז - איך דארף מיט איהם רעדן, "וויאזוי זאל איך איהם רעדן ער זאל נישט מיינען אז איך מיין עפעס"?!**

**מיט א וועג פון 'תפילה' קען מען שוין יענעם יא זאגן עפעס דארטן! אבער נישט 'ברבים', נאר זאגן 'אזוי' - און נישט 'אזוי'!** (כלומר, יוכיחנו בנחת)**.**[טז]

**ס'איז א גאנצע 'הילוך', א גאנצע 'עבודה' איז דאס! ס'איז נישט קיין קלייניגקייט!**

* * *

---

[יב] עי' שיש"ק ח"ב אות ס"ז, ועי' ליקוטי מוהר"ן תו' ב' בתחלתו "כִּי עִקַּר כְּלֵי־זֵינוֹ שֶׁל מָשִׁיחַ הוּא הַתְּפִלָּה ... וְכָל מִלְחַמְתּוֹ שֶׁיַּעֲשֶׂה וְכָל הַכְּבִישׁוֹת שֶׁיִּכְבֹּשׁ הַכֹּל מִשָּׁם".

[יג] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' ע"א תניינא, עפ"י הגמ' סנהדרין דף כ"ד ע"א.

[יד] מס' ערכין דף ט"ז ע"ב.

[טו] עי' ליקוטי מוהר"ן ריש תו' ח' תניינא, ועי' היטב ליקוטי עצות ערך תוכחה אות כ'.

[טז] עי' מגן אברהם בשו"ע או"ח סי' קנ"ו ס"ק ב', וסי' תר"ח ס"ק ג'.

# "טוב מעט לצדיק..."

(השואל; ביים לעצטן ראש השנה ביים רבי'ן, וויפיל מענטשן איז געווען?) **א גרויסער עולם איז געווען, ביים רבי'ן איז א גרויסער עולם געווען!**[יז] (השואל; עטליכע הונדערט געווען? און פארוואס איז די שמות הצדיקים אזוי קליין?!) **ס'שטייט נישט אלע, ס'שטייט נישט אלע!**

(השואל; דער רבי ר' אלימלך האט געהאט 'אכצן חסידים', צום סוף האט ער געהאט 'פערציג', האט ער אויסגערופן אז ס'זאל קיינער נישט קומען צו איהם עסן -) **ניין! ער האט אזוי געזאגט "דאס איז שוין דער בעל דבר'ס חסידים"!**

ביים רבי'ן רבי אלימלך איז געווען 'אכצן חסידים' (רצ"ל עיקר תלמידיו המקורבים ביותר), און נאכדעם איז געקומען מער, האט ער געזאגט "דאס איז שוין דער בעל דבר'ס חסידים"!

און ביים 'בעל שם הקדוש' איז געווען "הונדערטער חסידים", איז געווען (כתוכם הרבה) "ראנדארער'ס", פראסטע מענטשן, תהלים'ניקעס, זיי האבן נישט געקענט אפילו דאווענען, פראסטע מענטשן! ס'איז שוין א אנדערע גאנג געווען.

און ביים 'מגיד' איז ווידער געווען א 'שארפער טיש', נישט יעדער האט געקענט צוגיין צום טיש - צום מגיד, ס'איז געווען!

*

(השואל; דער תולדות איז נישט געווען ביים מגיד?) איינמאל געווען ביים מגיד - שבת, איז ער געווען ביי זיך (לא הלך לשולחן המגיד), ער איז געווען עלטער פון איהם (מהמגיד)!

איך האב דעם 'תולדות' דא, אויפ'ן סוף שטייט אז ער איז אלט געווען "הונדערט צען יאר" (בהסתלקותו), אז דער בעל שם האט איהם געגעבן א ברכה אז ער זאל האבן די יארן פון "יוסף הצדיק", יוסף האט געלעבט הונדערט צען יאר![יח]

---

[יז] עי' במכתב רבי אברהם ב"ר נחמן ז"ל בענין אר"י, נדפס בס' ביאור הליקוטים סי' קנ"ה; "כי בהראש השנה בימי חייו הקדושים באו אליו לאומן על ראש השנה האחרון לערך חמש או שש מאות אנשים, ובלשון בני אדם בדרך אומדנא היה מרגלא בפומייהו לומר, שבאו אליו אז בערך אלף אנשים, כן שמעתי מאבי ז"ל בשם מוהרנ"ת ז"ל"...

[יח] עי' שיש"ק ח"ג אות תר"י.

(אחד הנוכחים; ביי "שמעתי ממורי" האט זיך דאס 'בעטל' [ששכב שם מחמת חולשתו] אויפגעהויבן!) **יא!**[יט]

*

# 'דאחיד בשמיא וארעא'

**דער בעל שם איז א חידוש געווען, דער בעל שם איז געווען אזא מין - אזוי צו יעדעם איינעם געווען 'גוט'! ער האט געהאט וועגן פאר די 'גרויסע', און געהאט וועגן פאר די 'קליינע'!**

**און זיי** (התלמידים הקדושים) **האבן זיך גענומען אן אנדערן** (דרך, דהיינו לעבוד עם הגדולים במעלה, כנ"ל)**, און דער רבי האט גענומען - דעם רבי'נס וועג איז געווען א וועג - א געוואלדיגע סארט וועג! האבן א גאנג פאר 'זיי', און האבן א גאנג פאר 'זיי'!** (- בין להגדולים במעלה ובין להקטנים במעלה)**, נישט נאר סתם זיי מקרב זיין, נאר זיי ווייזן** (להקטנים במעלה) **אז דער אויבערשטער איז "מיט אייך, און ביי אייך, און לעבן אייך, שרעקט זיך נישט"! און זיי** (להגדולים במעלה) **ווייזן - "וואס ווייסט איר? וואס זעהט איר? וואס האט איר פארזוכט אמאל"?! - האבן אין זיך די ביידע, דאס איז די שלימות, דאס דארף האבן א צדיק - זאגט דער רבי!**[כ]

*

---

[יט] עי' שבחי רב ייב"י.

[כ] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא תו' ז' אות ז'; וְהַכְּלָל, שֶׁהַצַּדִּיק עִקַּר שְׁלֵמוּתוֹ, כְּשֶׁיֵּשׁ לוֹ שְׁנֵי הַבְּחִינוֹת הַנַּ"ל, דְּהַיְנוּ שֶׁיֵּדַע אֵיךְ לְדַבֵּר וְלִלְמֹד וּלְהָאִיר בְּכָל אֶחָד וְאֶחָד, בְּדָרֵי מַעְלָה וְדָרֵי מַטָּה, בָּעֶלְיוֹנִים וּבַתַּחְתּוֹנִים, בַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ, שֶׁהֵם בְּחִינַת גְּדוֹלִים וּקְטַנִּים, הַיְנוּ שֶׁלְּהַגְּדוֹלִים בְּמַעֲלָה, בְּנֵי עֲלִיָּה, בְּחִינַת דָּרֵי מַעְלָה, צָרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה כֹּחַ לְהַצַּדִּיק לְהַרְאוֹת לָהֶם וּלְגַלּוֹת לָהֶם, שֶׁעֲדַיִן אֵינָם יוֹדְעִים כְּלָל מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחִינַת: 'מֶה חָמִית מַה פִּשְׁפַּשְׁתְּ' וְכוּ', וְזֶה הַלִּמּוּד וְהַהַשָּׂגָה הוּא צָרִיךְ לְהָאִיר וּלְהַכְנִיס בְּהַגְּדוֹלִים בְּמַעֲלָה, שֶׁהֵם בְּחִינַת דָּרֵי מַעְלָה. וּלְהֶפֶךְ, יֵשׁ בְּנֵי־אָדָם שֶׁמּוּנָחִים בַּמַּדְרֵגָה הַתַּחְתּוֹנָה מְאֹד, עַד שֶׁהָיוּ מְיָאֲשִׁין אֶת עַצְמָן לְגַמְרֵי ח"ו, כִּי נִדְמֶה לָהֶם שֶׁהֵם רְחוֹקִים מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וּכְבָר אָבַד נִצְחָם וְתוֹחַלְתָּם מֵה', צָרִיךְ הַצַּדִּיק שֶׁיִּהְיֶה לוֹ כֹּחַ לְעוֹרְרָם וְלַהֲקִיצָם, שֶׁלֹּא יִהְיוּ מְיָאֲשִׁין עַצְמָן בְּשׁוּם אֹפֶן בָּעוֹלָם, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, וּלְהַרְאוֹת לָהֶם וּלְהָאִיר בָּהֶם, כִּי עֲדַיִן ה' עִמָּם וְאֶצְלָם וְקָרוֹב לָהֶם, וַאֲפִלּוּ בְּתוֹךְ הָאָרֶץ מַמָּשׁ, אֲפִלּוּ אִם נָפַל לִשְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת ח"ו, אַף־עַל־פִּי־כֵן שָׁם דַּיְקָא נִמְצָא כְּבוֹדוֹ יִתְבָּרַךְ, כִּי "מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ", וְזֶה בְּחִינַת כֹּל, שֶׁיֵּשׁ לְהַצַּדִּיק וְכוּ', כַּנַּ"ל. ועי' גם בתו' ס"ח שם.

(השואל; דער רבי האט געזעהן דעם תולדות?) יא, איינמאל! דער רבי איז געווען א קינד פון עטליכע יאר, ס'איז געפארן א 'פיר' (עגלה) פון מעזיבוזש ביז פולנאה - - - אז מען פארט נישט מיט דער באן, נאר אזוי, איז סך הכל דארטן עפעס 'פופציג קילאמעטער', גארנישט ווייט!

- איז געפארן א 'פיר' פון מעזיבוזש ביז פולנאה, דעם בעל שם הקדוש'ס תלמידים זענען געפארן צום פולנאה'ער, און דער רבי איז געווען א קינד, האט ער זיך געוואלט מיטכאפן, זיי האבן נישט געלאזט - א קינד פון עטליכע יאר זאל פארן?! אבער דער רבי איז געווען אן 'עקשן', דער רבי איז געווען א עקשן נאך קליינערהייט, האט ער אוועקגעשטעלט א פיסל דארטן - אויף די אייזן פון די בריטשקע, און ער וויל נישט אוועקגיין! און זיי האבן נישט געוואלט, אבער ער פארט נישט, א קינד!

האט געגומען איינער פון די תלמידים - דאכט זיך "רבי חיים קראסנער" - ער האט איהם אנגענומען, ער האט איהם אריינגענומען צו זיך, האט דער רבי דאס מאל געזעהן דעם תולדות! האט ער געדאנקט דעם דאזיגן תלמיד וואס האט איהם אריינגענומען אין דער בריטשקע - אין דער פירל! האט ער געזעהן דעם תולדות![כא]

*

(השואל; רבי חיים קראסנער איז נישט געשלאפן מיט'ן רבי'ן אמאל?) ס'איז געווען ווען דער רבי איז געווען נאך יונגער, דעמאלט'ס איז דער רבי גאר געווען א קליין קינד, און דעם רבי'נס מוטער 'פיגא' איז אוועקגעפארן עפעס, האט זי איבערגעלאזט דעם קינד ביי רבי חיים קראסנער אין מעזיבוזש, ער איז געווען דארט, ער איז געקומען צום בעל שם הקדוש (- על ציונו הק'), (האט זי געזאגט;) "איך לאז עס איבער אויף דיר - דאס קינד"!

און אז דער רבי'נס מוטער איז געקומען (צוריק), האט איר געזאגט רבי חיים קראסנער; "איך האב איהם אפגעהיט דיין קינד אזוי שטארק, איך האב דעם חצות מיינער מבטל געווען"! - ער איז געשלאפן מיט איהם צוזאמען - "איך זאל איהם נישט אויפוועקן, האב איך זיך נישט געוואלט אויפהייבן זיך, אז איך וועל זיך אויפהייבן וועל איך איבערוועקן דאס קינד"! - זאגט ער - "אזוי אפגעהיט דאס קינד,

[כא] עי' שיש"ק ח"ג אות צ"ו.

אז איך האב דעם חצות מבטל געווען, איך זאל איהם נישט אויפוועקן" - אזוי האט ער געזאגט 'רבי חיים' צום רבי'נס מוטער, דאס איז געווען ווען דער רבי איז געווען גאר א קינד![כב]

*

(השואל; מען דערציילט אויפ'ן רבי'ן, אז דער רבי אלס קינד פלעגט ער קיינמאל נישט וויינען, נישט מצער זיין די מאמע! איר האט דאס געהערט?) דאס האב איך יא געהערט, יא! א קינד, מען קעמט עס אוים דארט קליינערהייט (לסרק שערותיו), האט ער קיינמאל נישט געוויינט![כג]

*

שוין, הכלל, דער אויבערשטער זאל אויף אונז רחמנות האבן, אז מיר זאלן זיך צורירן - מקרב זיין צו דעם רבי'ן! מיר האבן זייער א גרויסער רבי'ן, און ער וויל יעדעם איינעם!

*

(מספרים מרבי חיים קיבליטשער ז"ל מחשובי אנ"ש, ונזדמן פעם שאיזה מתנגד ציער אותו פעם אחת) - ער האט איהם פארשטערט דעם שבת, ער האט זיך אנגערופן (המתנגד) עפעס א מיאוס ווארט עפעס אויפ'ן רבי'ן דאכט זיך, ס'איז שוין געווען נאך שבת, ס'איז שוין געווען שפעט שלש סעודות, ער האט איהם פארשטערט דעם שלש סעודות, האט רבי חיים - ער איז געווען א שארפער, האט ער גענומען א לייכטער, ער האט איהם געווארפן אין קאפ אריין - רבי חיים האט געווארפן דעם מתנגד, און איהם געזאגט "איך שווער אייך ביי שבת קודש אז איר האט (- רצ"ל איזה עבירה חמורה), אז נישט וואלט איר נישט געהאט אזא מיאוס מויל צו רעדן"!!![כד] אזוי האט איהם רבי חיים געזאגט, און ער האט געשוויגן, יענער האט נישט געענטפערט, האט ער מודה געווען בעצמו, - רבי חיים האט מיר דאס דערציילט![כה]

---

[כב] עי' שיש"ק ח"ב אות ר"י.

[כג] עי' שיש"ק ח"ב אות פ"ח.

[כד] עי' היטב בעלים לתרופה - מכתבי מוהרנ"ת, מכתב ק"פ בסופו, ובליקוטי הלכות הל' נדה ב' אות י"א.

[כה] עי' שיש"ק ח"ה אות רצ"ט.

(השואל; רבי חיים איז געווען ווייזט אויס א בעל השגה, איך מיין - זאגן אזא ווארט 'שווערן') **א גרויסער למדן געווען - רבי חיים, און געווען א גרויסע עובד! די מעשה איז געווען ווען ער איז געווען א אינגערמאן, און ס'איז געווען שבת, זיי זענען 'אנדערע' אינגעלייט געווען!!!**

**ער איז געווען זיינער א איידעם - "איציק באברינעצער"**, (השואל; רבי נתן'ס אור-איניקל?) **יא יא,** (א זוהן פון רבי נתן ב"ר נחמן בן מוהרנ"ת) **יא! איז ער געווען אן איידעם ביי רבי חיים!** - - - (חסר קצת)

* * *

## 'מחשבה מועלת לדברי תורה'

(לומד בליקוטי מוהר"ן תו' ס"ו אות ב';)[כו] - - - **"כִּי קֹדֶם שֶׁמּוֹצִיאִין מִכֹּחַ אֶל הַפֹּעַל", יעדע זאך, א מענטש - ער טראכט צו טוהן א זאך, הייסט עס 'בכח', און ווען ער טוהט דער זאך הייסט עס 'פועל', איז איידער ער ציהט ארויס דער זאך 'מכח' אל 'הפועל' - אֲזַי הַכֹּחַ וְהַפֹּעַל נִקְשָׁרִים בְּיַחַד! וואס הייסט דער 'כח' מיט'ן 'פועל' "נקשרים ביחד"? דער 'פועל' האט זיך נאך נישט אנגעהויבן?! ס'איז נאר 'כח' אליין?! נאר דער 'פועל' ליגט אין דעם 'כח'!**

**ער טוהט די זאך, ער וויל בויען א הויז, דער 'ווילן' הייסט 'כח', און דער 'בויען' הייסט 'פועל'! ער טראכט ער וויל בויען א הויז, איז דער 'כח' מיט'ן 'פועל' - זאגט דער רבי איז "נקשרים ביחד", וְאֵין הֶפְרֵשׁ בֵּינֵיהֶם, כִּי סוֹף מַעֲשֶׂה בְּמַחֲשָׁבָה**

[כו] ז"ל בקיצור ליקוטי מוהר"ן שם אות ד'; כָּל הַמִּצְווֹת וְהָעֲבֵרוֹת, עִקָּרָן עַל־יְדֵי שֶׁמּוֹצִיאִין מִכֹּחַ אֶל הַפֹּעַל, כִּי עִקַּר שְׁלֵמוּת הַמִּצְוָה הוּא רַק כְּשֶׁזּוֹכֶה לַעֲשׂוֹתָהּ בְּפֹעַל, וּכְשֶׁמּוֹצִיאָהּ לַפֹּעַל הוּא בְּחִינַת בְּרִיאַת הָעוֹלָם מַמָּשׁ. וַהֲרֵי הוּא מְקַיֵּם עוֹלָם מָלֵא, וְכֵן לְהֵפֶךְ בַּעֲבֵרָה ח"ו, בַּתְּחִלָּה הָעֲבֵרָה בְּכֹחַ שֶׁחוֹשֵׁב לַעֲשׂוֹתָהּ ח"ו, וְאַחַר־כָּךְ כְּשֶׁמּוֹצִיאָהּ לַפֹּעַל וְעוֹשֶׂה אוֹתָהּ, אָז הוּא רָשָׁע גָּמוּר וְחָשׁוּב כְּמֵת, וַהֲרֵי הוּא מְאַבֵּד עַצְמוֹ וּמְאַבֵּד עוֹלָם מָלֵא חַס וְשָׁלוֹם, כִּי כָּל הָעוֹלָם לֹא נִבְרָא רַק עַל־יְדֵי בְּחִינָה זֹאת שֶׁיָּצְאָה הַבְּרִיאָה מִכֹּחַ אֶל הַפֹּעַל עַל יָדוֹ יִתְבָּרַךְ, וְעַל־כֵּן בְּכָל עֲבֵרָה ח"ו פּוֹגְמִין בִּכְלָלִיּוּת הָעוֹלָמוֹת וּבִכְלָלִיּוּת הַשֵּׁמוֹת הַקְּדוֹשִׁים, רַחֲמָנָא לִצְלָן רַחֲמָנָא לִשֵּׁיזְבָן. וְאֵין תִּקְוָה כִּי אִם בִּתְשׁוּבָה, כִּי עַל־יְדֵי תְּשׁוּבָה עַל־יְדֵי שֶׁמִּתְחָרְטִים עַל הָעֲבֵרָה וְעוֹזְבִים אוֹתָהּ, עַל־יְדֵי־זֶה נִתְתַּקֵּן כָּל הַנַּ"ל, וְחוֹזֵר וּמוֹצִיא תִּקּוּן כָּל הָעוֹלָמוֹת מִכֹּחַ אֶל הַפֹּעַל.

תְּחִלָּה, ער טראכט אין געדאנק אז ער וויל בויען דער הויז, דער 'פועל' ליגט דאך אינעם 'כח'!

*

ס'איז א געוואלדיגע זאך - קעגן "התחזקות" - א מענטש וויל טוהן עפעס א זאך, כדי ער זאל מוציא זיין "מכח אל הפועל", איז ווי קען עס טאקע ווערן "מכח אל הפועל"? ער טראכט דאך נאך? איז ווי קען ווערן א 'פועל'?! דער תירוץ איז; אז דער פועל ליגט אין כח! בשעת ער וויל טוהן דער זאך, איז דער 'ווילן' אזוי שטארק, אז דער 'פועל' ליגט אין 'כח', ס'ליגט דארטן 'בכח'! ער 'וויל' דאך - ליגט דאך דער פועל דארטן, - קען ווערן נאכדעם אז ס'זאל טאקע ווערן "פועל ממש"! "סוף מעשה במחשבה תחלה"!

דאס איז א כלל, יעדער זאך וואס דער מענטש טוהט, מוז ער פריער טראכטן, ס'קען נישט זיין ער זאל טוהן א זאך ער זאל פריער נישט טראכטן, איז דאך דער "סוף מעשה" ליגט דאך פריער און די "מחשבה", איז בשעת ס'ליגט אין דער מחשבה, איז דאך דער 'מעשה' מיט דער 'מחשבה' צוזאמען!

דְּהַיְנוּ כְּשֶׁאָדָם רוֹצֶה לַעֲשׂוֹת אֵיזֶה דָּבָר, כְּגוֹן לִבְנוֹת בַּיִת, - אין תורה י"ח רעדט אויך דער רבי "לבנות בית",[כז] אסאך זאכן כאפט אהן דער רבי "לבנות בית",[כח] ווייל דער עיקר איז בויען א שטוב, מ'דארף האבן א שטוב![כט]

ער וויל בויען א שטוב, צָרִיךְ לַחֲשֹׁב תְּחִלָּה בְּמַחֲשַׁבְתּוֹ, אֵיךְ יִהְיֶה צִיּוּר בִּנְיַן בֵּיתוֹ, וויאזוי וועט אויסקוקן דער שטוב, וויאזוי וועט זיין דער ציור פונעם שטוב?! דער גאנצער שטוב שטייט פאר איהם פריער (במחשבתו), עס האט דריי צימער'ן, דא איז דער קעך, דא די (אנדערע צימער'ן), די גאנצע ציור ליגט שוין דא אין די מחשבה! ער וועלט זיך אוים וואספארא ציור דער שטוב וועט האבן.

וְאָז כְּשֶׁנִּגְמָר בְּמַחֲשַׁבְתּוֹ דְּמוּת בֵּיתוֹ, אֲזַי מַתְחִיל לִבְנוֹתוֹ, דעמאלטס הייבט ער אהן צו בויען! אבער איידער ער האט נאך דעם דמות - דעם ציור - 'טראכט ער',

---

[כז] אות א'.

[כח] עי' ליקו"מ תו' צ"ד, ועוד.

[כט] עי' ליקוטי הלכות הל' חלוקת שותפים ב' אות ב', ועוד.

אבער אז ער איז שוין אויסגעמאלט דעם גאנצן ציור, וואספארא דמות דער שטוב וועט האבן, דעמאלטס הייבט ער שוין אהן צו בויען!

נִמְצָא שֶׁסּוֹף הַמַּעֲשֶׂה, בְּמַחֲשָׁבָה תְּחִלָּה, ס'איז א געוואלדיגע לשון דא! דער מענטש - ער טראכט א זאך, דער גאנצער מעשה דארף ליגן אין דער מחשבה! איך וויל טוהן די זאך, און אזא ציור וועט האבן די זאך, און אזוי וועט אויסקוקן די זאך, דארף אלעס ליגן אין דער מחשבה! (דהיינו לא לעשותה בבחינת מצות אנשים מלומדה, בלי רצונות ומחשבות טובות).

*

וְקֹדֶם שֶׁהוֹצִיא מִכֹּחַ אֶל הַפֹּעַל, אֲזַי סוֹף הַמַּעֲשֶׂה נִקְשָׁר עֲדַיִן בִּתְחִלַּת הַמַּחֲשָׁבָה, וְאֵין הֶפְרֵשׁ וְהֶבְדֵּל בֵּינֵיהֶם כְּלָל, אמאל איז דא א מענטש טראכט; איך 'טראכט', אבער ווי וועל איך קענען 'טוהן' די פעולה? ווי וועל איך עס קענען 'טוהן'?! דער תירוץ איז; אז דו טראכסט נאר, ליגט דער 'פועל' אויך אין די 'מחשבה', ממילא קען מען זיך ארויסנעמען א 'פועל' אויך, ווארן פריער איז דאך אויך דא דער פועל, דער 'פועל' איז 'במחשבה' - איז דער 'כח' מיט דער 'פועל' איז ביידע גליך! זיי זענען "נקשר" - זאגט דער רבי - צוגעבונדן, "ואין הפרש והבדל ביניהם".

וְצָרִיךְ לִרְאוֹת לְהוֹצִיא מִכֹּחַ אֶל הַפֹּעַל, דער 'פועל' איז דאך דא, נישט נאר דער 'מחשבה' אליין איז דא ביי איהם, ביי איהם איז דא דער 'פועל' אויך, דער 'פועל' איז נקשר אין דער 'מחשבה', דער 'פועל' איז נקשר אין דער 'כח'!

דארף ער טאקע זעהן ער זאל ארויסציען, נאר איין זאך - פריער איז ביידע צוזאמען, נעם - טייל אפ דאס פון דעם! און בשעת ער טראכט נאר, ליגט דאך שוין אויך דארטן דער 'פועל' אין דער 'מחשבה', דארף ער זעהן ארויסציען "מכח אל הפועל"! וַאֲזַי נִפְתָּחִין וְנִבְדָּלִין הַכֹּחַ וְהַפֹּעַל, ווערן זיי צושיידט!

*

וְיֵשׁ הֶפְרֵשׁ וְהֶבְדֵּל בֵּין תְּחִלַּת הַמַּחֲשָׁבָה, שֶׁהִיא בְּחִינוֹת כֹּחַ, וּבֵין סוֹף הַמַּעֲשֶׂה, שֶׁהִיא בְּחִינַת פֹּעַל, וְזֶה בְּחִינַת אָלֶף, כִּי א הִיא שְׁתֵּי יוּדִין, וְוָאו בְּאֶמְצַע, שֶׁהִיא בְּחִינַת פַּתָּח.

וְאֵלּוּ הַשְּׁנֵי יוּדִין, הֵם בְּחִינַת יוּ"ד בָּרֹאשׁ וְיוּ"ד בַּסּוֹף, שֶׁהֵם בְּחִינוֹת כֹּחַ וּפֹעַל. הַיְנוּ בְּחִינַת הַיּוּ"ד שֶׁל שֵׁם הָעֶצֶם, שֶׁהוּא שֵׁם הֲוָיָה בָּרוּךְ הוּא, שֶׁהוּא יוּ"ד בָּרֹאשׁ, מיר זאגן "הוי-ה", אבער באמת איז דאך דער יו"ד פריער, י' ה' וא"ו ה' - איז דער 'יו"ד בראש', דאס איז דער יו"ד פון מחשבה - שֶׁהוּא בְּחִינַת מַחֲשָׁבָה תְּחִלָּה, בְּחִינַת כֹּחַ. וְהַיּוּ"ד הַשֵּׁנִי, הִיא בְּחִינַת יוּ"ד שֶׁל הַכִּנּוּי, שֶׁהוּא שֵׁם אֲדֹנָי, שֶׁהוּא יוּ"ד בַּסּוֹף, בְּחִינַת סוֹף מַעֲשֶׂה, בְּחִינַת פֹּעַל, אדנ"י איז שוין 'מלכות', דאס איז שוין דער 'עשיה' וואס מען טוהט עפעס.

וּבַתְּחִלָּה שְׁנֵי יוּדִי"ן אֵלּוּ הֵם נִקְשָׁרִין יַחַד, וְאֵין הֶבְדֵּל בֵּינֵיהֶם כַּנַּ"ל. אינדערמיט איז דא די צוויי שמות, דא איז א יו"ד און דא א יו"ד - אינדערמיט איז דא זעקס (אותיות), פריער זענען דיביידע יו"דין "נקשר ביחד ואין הבדל ביניהם", איז ווי דערקענט מען דא צוויי שמות? א אל"ף איז א יו"ד בראש, א יו"ד בסוף, און א וא"ו אינדערמיט, אבער ס'איז אזוי איינס!

וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁמּוֹצִיאִין מִכֹּחַ אֶל הַפֹּעַל, הֵם נִפְתָּחִין וְנִבְדָּלִין כַּנַּ"ל, ווערט די יו"ד מיט די דריי אותיות א שם הוי', און די דריי ווערט א שם אדנ"י.

*

קומט פון דאנעט אויס אויך א געוואלדיגע התחזקות, אז די אלע שמות - דעם כח ופועל - איז פריער ביחד דער צירוף פון דער אל"ף, נאר וואס דען? זיי זענען ביידע צוזאמען, עס דערקענט זיך נישט, דער כח מיט דער פועל איז צוזאם! קומט דאך אויס אז ביידע שמות זענען צוזאמען, אבער אז מ'הייבט אהן עס מאכן באזונדער - גייט צו צו דער יו"ד דריי אותיות, ווערט א שם הוי"ה, דאס הייסט 'בכח', און דער אנדערע האט אויך דריי אותיות - דאס איז 'בפועל'.

וְזֶה בְּחִינַת הַוָּאו שֶׁבְּתוֹךְ הָאָלֶף, שֶׁהוּא בְּחִינַת פֶּתַח. הַיְנוּ מַה שֶּׁנִּפְתָּחִין וְנִבְדָּלִין אֵלּוּ הַשְּׁנֵי יוּדִי"ן, שֶׁהֵם בְּחִינוֹת כֹּחַ וּפֹעַל כַּנַּ"ל:

וְזֹאת הַוָּאו שֶׁבְּתוֹךְ הָאָלֶף, הוּא בְּחִינַת הַוָּאו אוֹתִיּוֹת שֶׁיֵּשׁ בֵּין שְׁנֵי הַיּוּדִי"ן שֶׁל שְׁנֵי הַשֵּׁמוֹת הַנַּ"ל, כָּזֶה, יאקדונקי.

ס'איז דא צוויי יודי"ן - אין דערמיטן איז דא זעקס אותיות, פארוואס עפעס איז דא דריי און דא דריי? זאגט דער רבי אזוי, **כִּי יֵשׁ שָׁלֹשׁ אוֹתִיּוֹת אֵצֶל הַיּוּ"ד שֶׁל שֵׁם הָעֶצֶם** - דער שם פון הוי"ה, **שֶׁהוּא בְּחִינַת תְּחִלַּת הַמַּחֲשָׁבָה. וְכֵן יֵשׁ שָׁלֹשׁ אוֹתִיּוֹת אֵצֶל הַיּוּ"ד שֶׁל שֵׁם הַכִּנּוּי** - פון אדנ"י, **שֶׁהוּא בְּחִינַת סוֹף מַעֲשֶׂה.**

**כִּי בְּכָל דָּבָר שֶׁבָּעוֹלָם יֵשׁ שָׁלֹשׁ בְּחִינוֹת, שֶׁהֵם מָקוֹם וְצִיּוּר וּזְמַן, שֶׁהֵם בְּחִינַת שָׁלֹשׁ אוֹתִיּוֹת הַנַּ"ל. כְּגוֹן כְּשֶׁאָדָם רוֹצֶה לִבְנוֹת בַּיִת** דער רבי כאפט אלס אהן "לבנות בית", **צָרִיךְ לַחֲשֹׁב בְּאֵיזֶה מָקוֹם לִבְנוֹתוֹ, וּבְאֵיזֶה זְמַן, וּבְאֵיזֶה צִיּוּר יִהְיֶה נִבְנֶה הַבַּיִת,** איז דא דריי! דאס איז בשעת ער 'וויל' נאר, "בתחילת המחשבה" איז שוין דא דריי זאכן; מקום, ציור, וזמן, **וְכֵן בְּכָל דָּבָר שֶׁבָּעוֹלָם,** דאס איז "במחשבה", ביים "כח", **וְכֵן אַחַר־כָּךְ בְּסוֹף הַמַּעֲשֶׂה, דְּהַיְנוּ כְּשֶׁעוֹשֶׂה אֶת הַדָּבָר, יֵשׁ גַּם כֵּן שָׁלֹשׁ בְּחִינוֹת הַנַּ"ל, שֶׁהֵם מָקוֹם וְצִיּוּר וּזְמַן.**

**וְזֶה בְּחִינוֹת שָׁלֹשׁ אוֹתִיּוֹת שֶׁיֵּשׁ אֵצֶל יוּד בָּרֹאשׁ, שֶׁהִיא תְּחִלַּת הַמַּחֲשָׁבָה** - דער שם הוי"ה, **וְכֵן יֵשׁ שָׁלֹשׁ אוֹתִיּוֹת אֵצֶל יוּד בַּסּוֹף, שֶׁהִיא בְּחִינַת סוֹף הַמַּעֲשֶׂה, שֶׁהֵם בְּחִינַת הַוָּאו שֶׁבֵּין שְׁנֵי הַיּוּדִין כַּנַּ"ל.**

*

ווייזט אויס, אז דער מענטש קען גארנישט (טוהן אליין), דער מענטש - ער וויל טוהן א זאך, זאל ער וויסן אז איך 'וויל' טוהן די זאך - איז דאס דער 'שם הוי"ה', דאס איז מיין 'מחשבה', און ער דארף אזוי ווערן - אז ס'זאל זיין ביי מיר א ציור פון די דריי אותיות, פון "מקום ציור וזמן", זיך מצייר זיין - אזא 'ציור' וועט האבן די זאך, און אזא 'מקום' וועט האבן די זאך! - מען רעדט דאך א "דבר שבקדושה" - און אזא 'זמן' האט עס! אז ער איז זיך גוט מצייר זיך די דאזיגע, נאכדעם הייבט זיך אהן די פועל, ווערט טאקע ממש 'פועל'!

(השואל; מציין לשיחות הר"ן אות ס"ב ענין "מחשבה מועלת לדברי תורה")[ל] פון דאן קומט אויס, אז דער מחשבה האט א כח! אז מען טראכט אלע זאכן, איך בין זיך מצייר - דער 'שם הוי"ה' - דער 'יו"ד' האט צו זיך דריי אותיות - "מקום ציור זמן", און דאס הייסט

[ל] עי' שם אות ס"ב; דַּע שֶׁיֵּשׁ בִּבְנֵי אָדָם סְגֻלּוֹת גְּדוֹלוֹת כִּי יְכוֹלִין לִפְעֹל עַל־יְדֵי מַחֲשַׁבְתָּם מַה שֶּׁהֵם חוֹשְׁבִים...

אלעס נאך 'מחשבה', דאס איז 'בכח', און דער 'שם אדנ"י' האט אויך דריי, דאס הייסט 'פועל', בשעת איך וויל א זאך - א "דבר שבקדושה", דארף איך אזוי זיך מצייר זיין דער 'מקום' - וואספארא 'מקום' ס'וועט זיין, וואספארא 'זמן', און וואספארא 'ציור', אלעס האלטן אינעם מחשבה, דערפון וועט ווערן דער 'פועל'!

דערפאר זאגט דער רבי, אז דער 'אל"ף' - איז די ביידע 'יו"דין' מיט די 'פתח' אינדערמיט - דאס איז דער וא"ו, און דער "פתח" איז א לשון "נפתחין ונבדלין", אז איך האב צו יעדע מחשבה די דאזיגע דריי זאכן - ווערט א וא"ו אינדערמיט, און דאס איז די צוויי שמות!

*

# אשר שם 'שמות' בארץ

**עס שטייט טאקע פון בעל שם הקדוש אז "מיר זענען פול מיט 'שמות', מען גייט אויף 'שמות', און מען עסט 'שמות', און מען טראכט 'שמות'"!**

אלעס רעדט דער רבי דא, דער 'טראכטן' איז 'שם הוי"ה', 'מקום ציור וזמן', און די 'פעולות' (איז שם 'אדנ"י'), אלעס שמות הקדושים, "מיר זענען פול מיט שמות הקדושים"! אה, נאר וויסן וואס מען איז! נישט זיך באנארישן זיך! ס'איז דאך א געוואלד!

ס'שטייט דארטן אינעם 'שערי ציון' דארטן, די 'מחזה המרכבה', נאך 'חצות' - הייבט ער אהן אויסרעכענען; די צוויי אויגן - איז צוויי יו"דין, דער חוטם - איז א וא"ו, דאס איז א 'שם הוי"ה'! נאכדעם הייבט ער אהן ווייטער אויסרעכענען דער גאנצער גוף - שמות הקדושים! שמות מיט שמות מיט שמות!

אז דער אויבערשטער העלפט, אז מען היט אפ די אויגן, די נאז איז 'יראת השם',[לא] איז עס א 'שם הוי"ה! האב איך אויפ'ן קאפ א 'שם', נאך 'שמות' פיל! די צוויי פיס מיט אלעם - אלעס שמות מיט שמות, פול מיט שמות!

---

[לא] עי' תו' כ"א אות ב'.

אז מען נעמט אבער די צוויי אויגן, מען היט זיי נישט אפ, און דער נאז - עס שטייט די היינטיגע סדרה 'לא תנאף' - זאגט דער מדרש[לב] 'לא תהנה אף'! איז פגם החוטם!

אז דער אויבערשטער העלפט, מען היט זיך פון פגם הברית, מען היט זיך די אויגן, מיט די מחשבה, מיט דעם דיבור, מיט'ן געדאנק, אלעס, איז טאקע א שיינע צירוף! ס'איז א שיינע חוטם, ס'איז שיינע אויגן, ס'איז טאקע א 'שם הוי"ה'!

אבער חלילה אז מען איז פוגם אין דער ראיה, מען איז פוגם אין די אויגן - - - א מענטש וואס איז אפגעהיטן איז ממש - איז דאך פול מיט שמות הקדושים! ער איז פול!

א צדיק איז אזוי גרויס, א צדיק איז אזוי גרויס ביים אויבערשטן, אזוי חשוב, ס'שטייט "ה' אוהב צדיקים" - דער אויבערשטער האט ליב צדיקים! ער איז פול מיט שמות הקדושים, ווי ער גיט זיך א ריר איז ער פול מיט שמות, די אויגן איז שמות, און דער נאז איז שמות, און די פיס זענען שמות, די ידים זענען שמות, פול מיט שמות הקדושים!

דער זוהר האט צוטוהן מיט די עשר אצבעות (- זענען אנטקעגן) עשרת הדיברות! א זוהר - אז מען זאל נישט אויפהייבן די הענט, סיידן וועגן א דבר מצוה אדער תפילה! אבער אזוי (לריק) - זאל מען זיך היטן אויפצוהייבן די הענט, ס'איז "שמות הקדושים", א געוואלדיגע הארבקייט! ביי א דבר מצוה דארף מען אויפהייבן דער הענט, אבער 'לריק' נישט! ער שעלט מיט קללות - א געוואלדיגע לשון שטייט אין זוהר הקדוש אז מען הייבט אויף די הענט אזוי לריק! ווייל די עשר אצבעות זענען עפעס אזעלכע גרויסקייטן, אה, געוואלד, פול מיט (שמות)!

א מענטש זאל זיך נאר באטראכטן, ווער א מענטש איז! מיט וואספארא מין צורה דער אויבערשטער האט באשאפן דער מענטשן![לג]

---

[לב] מדרש רבה במדבר י' ב', ועי' ליקוטי מוהר"ן תנ' ב' בסופו "עיקר הריח תלוי בטהרה" וכו'.

[לג] עי' ליקוטי הלכות הל' קרחה וכתובת קעקע ג' אות א' - ב'; כִּי כָּל אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל הוּא כָּלוּל מִכָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ, כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר, "זֹאת הַתּוֹרָה אָדָם". כִּי כָּל אֶחָד אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל כָּלוּל מֵרְמַ"ח אֵיבָרִים וְשס"ה גִּידִים, שֶׁהֵם רְמַ"ח מִצְווֹת עֲשֵׂה וְשס"ה מִצְווֹת לֹא תַעֲשֶׂה, שֶׁהוּא כְּלַל כָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ ... כִּי עִקַּר הֶאָרַת גּוּף הָאָדָם הוּא רַק עַל-יְדֵי דְּרוּשֵׁי וּבֵאוּרֵי הַתּוֹרָה שֶׁמֵּאִיר בְּגוּפוֹ, שֶׁעַל-יְדֵי-זֶה זוֹכֶה לְהַדְרַת פָּנִים, וְעַל-יְדֵי-זֶה מְאִירִין כָּל שִׁשִּׁים רִבּוֹא אוֹתִיּוֹת הַתּוֹרָה בְּתוֹךְ גּוּפוֹ וְאֵיבָרָיו ... כִּי גּוּפוֹ כָּלוּל מִכָּל אוֹתִיּוֹת

ס'ווערט געבראכט, אז די אהבה וואס דער אויבערשטער האט צו מענטשן - האט ער ארויסגעוויזן אין דעם 'ציור' וואס ער האט איהם באשאפן! וואספארא 'אהבה' ער האט צו איהם - אזא מין צורה האט ער! ער האט 'אדערן', אזויפיל ווי 'לאווין', און 'איברים' אזוי ווי 'עשות', א תורה! ער איז אליין א תורה! האט ער אויגן - האט ער יו"דין, ער האט וא"וין (- החוטם, כנ"ל)!

און אז דער אויבערשטער העלפט טאקע, אז מען היט טאקע אפ די איברים, איז מען טאקע ממש א תורה! א תורה מיט שמות! די גמרא זאגט טאקע;[לד] "כמה טפשאי" וואס פאר א ספר תורה שטעלן זיי זיך אויף, פאר קיין מענטשן נישט! אז ער איז דאך פול מיט שמות, ער איז דאך אליין א תורה, פארוואס שטעלט מען זיך פאר איהם נישט אויף?!

מען דארף אסאך רעדן פאר'ן אויבערשטן, זיך אויסמאלן "ווער איך בין"! אין דעם מעג מען האבן א 'גבהות לב'! "ויגבה לבו בדרכי השם"![לה] אז איך בין נישט קיין קלייניגקייט! איך בין פול מיט שמות הקדושים, איך בין פול מיט זאכענישן! נו, שטייט מיר זיך אהן אזוי צו פירן זיך?! שטייט מיר אהן איך זאל זיך אזוי פירן?! איך בין דאך עפעס א 'בן המלך'![לו] איך בין דאך עפעס אזוי פול מיט אזעלכע הייליגע ציורים! הייליגע מדות! ס'שטייט מיר אהן אזוי צו פירן זיך?! - - - (חסר ההמשך)

---

הַתּוֹרָה. וּבֶאֱמֶת הָאָדָם הוּא לְמַעְלָה מֵהַתּוֹרָה, כַּמּוּבָא בְּדִבְרֵי רַבֵּנוּ ז"ל, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל כַּמָּה טִפְּשָׁאֵי וְכוּ' דְּקַיְמֵי מִקַּמֵּי אוֹרַיְתָא וְלָא לְקַיְמֵי מִקַּמֵּי צוּרְבָא מֵרַבָּנָן...

ועי' חיי מוהר"ן אות תק"ד; מֵעִנְיַן הַפְלָגַת גְּדֻלַּת הָאָדָם, אָמַר, כְּשֶׁהָאָדָם עוֹשֶׂה כָּךְ בְּיָדָיו, נַעֲשֶׂה כָּךְ בְּכָל הָעוֹלָמוֹת, וּכְשֶׁעוֹשֶׂה כָּךְ בְּיָדָיו, נַעֲשֶׂה כָּךְ בְּכָל הָעוֹלָמוֹת. וְאָמַר בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן "וָואס טַייטְשׁ אַמֶענְשׁ, אַז עֶר טוּט אַזוֹי אַמַאךְ מִיט דֶער הַאנְד, וֶוערְט אַזוֹי גִיטָאן אִין כָּל הָעוֹלָמוֹת, אִין אַז עֶר טוּט אַזוֹי אַמַאךְ מִיט דֶער הַאנְד, וֶוערְט אַזוֹי גִיטָאן אִין כָּל הָעוֹלָמוֹת.

ושם אות תק"ה; אָמַר "אַז מֶע זָאל אִיבֶּער קֶערְן אַמֶענְטשְׁן וָואלְט מֶען גִיזֶעהְן וִויא אִין אִיטְלִיכְן אָדֶערִיל הֶענְגֶען אַלְפֵי אֲלָפִים וְרִבֵּי רְבָבוֹת עוֹלָמוֹת". אִם הָיוּ מְהַפְּכִין אֶת הָאָדָם (רְצוֹנוֹ לוֹמַר לִרְאוֹת אֶת פְּנִימִיּוּתוֹ) הָיוּ רוֹאִין שֶׁבְּכָל גִּיד וְגִיד מִגִּידָיו תְּלוּיִים אַלְפֵי אֲלָפִים וְרִבֵּי רִבְבוֹת עוֹלָמוֹת!

[לד] מס' מכות דף כ"ב ע"ב.

[לה] דברי הימים-ב' י"ז ו', ועי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' קכ"ה.

[לו] מתוך הלשון בספר סיפורי מעשיות מעשה י"א - בן המלך ובן השפחה שנתחלפו; וְהַבֵּן הַנַּ"ל שֶׁנִּתְגָּרֵשׁ (אֲשֶׁר הוּא בֶּן הַמֶּלֶךְ בֶּאֱמֶת) וְעָשָׂה מַה שֶּׁעָשָׂה, וּבִזְבֵּז מְעוֹתָיו - פַּעַם אַחַת יָצָא לְבַדּוֹ לְטַיֵּל, וְהִנִּיחַ לִשְׁכַּב, וּבָא לוֹ עַל דַּעְתּוֹ מַה שֶּׁעָבַר עָלָיו. וְחָשַׁב: מַה זֹּאת עָשָׂה אֱלֹקִים לִי, אִם אֲנִי הַבֶּן־מֶלֶךְ - בְּוַדַּאי

* * *

# 'נתון תתן לו - ולא ירע לבבך בתתך לו'

(מתוך שיעור בליקוטי מוהר"ן תו' ב', באות ד')[לז] - - - דורך 'צדקה' איז מען זוכה צו 'משפט', נִמְצָא שֶׁאוֹחֵז עַל יְדֵי זֶה בְּמִדַּת מִשְׁפָּט, וּבִשְׁבִיל זֶה צָרִיךְ לְהַפְרִישׁ צְדָקָה קֹדֶם הַתְּפִלָּה, (בבא בתרא י. ובשלחן ערוך ארח חיים סימן צ"ב סעיף י'), כְּדֵי שֶׁיּוּכַל לְכַלְכֵּל דְּבָרָיו בְּמִשְׁפָּט.

דאס וואס ס'שטייט אז מען זאל געבן ביי "ואתה מושל בכל",[לח] פלעגט מען זאגן - אז דעמאלט'ס 'געבט' מען שוין, אבער 'מפריש' - איז מען מפריש נאך פאר'ן דאווענען!

אז ס'קומט אן ארימאן, דארף מען איהם שוין 'געבן', דער ארימאן האט נישט קיין צייט, ער וויל דאך אוועקגיין! נאר וואס דען? מען איז נאר 'מפריש' פאר'ן דאווענען - איז מען מקיים וואס דער רבי זאגט דא "להפריש צדקה קודם התפילה", מען איז מפריש די געלט, און גיבן - גיבט מען עס ביי "ואתה מושל בכל"!

דאס שטייט דאך אין תורה ס"ז; ביי 'ואתה מושל בכל' זאל ער געבן צדקה!

אזוי פלעגט מען תמיד טייטשן, אז פאר'ן דאווענען איז מען 'מפריש' צדקה, און ביים דאווענען 'גיבט' מען צדקה! א מענטש קען מפריש זיין אסאך געלט, און פון די געלט גיבט ער צדקה!

איינער - ער האט נישט קיין ארימאן צו געבן, איז ער מפריש יעצט, אז ס'וועט קומען אן ארימאן וועט ער איהם געבן!

---

אֵינוֹ רָאוּי לִי זֹאת, וְאִם אֵינִי בֶּן הַמֶּלֶךְ - גַּם־כֵּן אֵינוֹ מַגִּיעַ לִי זֹאת, לִהְיוֹת בּוֹרֵחַ וּמְגֹרָשׁ. וְנִתְיַשֵּׁב בְּדַעְתּוֹ: אַדְּרַבָּא, אִם כֵּן, שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת כָּזֹאת, לְהַחֲלִיף אֶת בֶּן הַמֶּלֶךְ וְשֶׁיַּעֲבֹר עָלָיו כַּנַּ"ל, אִם־כֵּן הֲיִתָּכֵן מַה שֶּׁעָשִׂיתִי, וְכִי כָּךְ הָיָה רָאוּי לִי לְהִתְנַהֵג, כְּמוֹ שֶׁעָשִׂיתִי; וְהִתְחִיל לְהִצְטַעֵר וּלְהִתְחָרֵט מְאֹד עַל הַמַּעֲשִׂים רָעִים שֶׁעָשָׂה...

[לז] ז"ל בקיצור ליקוטי מוהר"ן שם אות י"ג: צָרִיךְ לְהַפְרִישׁ צְדָקָה קֹדֶם הַתְּפִלָּה, וְעַל־יְדֵי־זֶה תְּפִלָּתוֹ שְׁגוּרָה בְּפִיו. גַּם עַל־יְדֵי הַצְּדָקָה נִצּוֹל מִמַּחֲשָׁבוֹת זָרוֹת שֶׁבַּתְּפִלָּה, וְיוּכַל לְהִתְפַּלֵּל כָּרָאוּי שֶׁלֹּא יִטֶּה מִן הַצַּד לֹא לְיָמִין וְלֹא לִשְׂמֹאל, רַק יְכַלְכֵּל כָּל דְּבָרָיו בְּמִשְׁפָּט.

[לח] עי' מגן אברהם או"ח סי' נ"ו ס"ק ז' בשם האריז"ל, ועי' בליקוטי מוהר"ן תו' ס"ז אות ז'.

פון די געלט וואס ער האט מפריש געווען פריער, גיבט ער ביי "ואתה מושל", ער קען נעמען אנדערע געלט אויך, נאר 'מפריש' זיין - איז נישט דער פשט אז ער דארף שוין 'גיבן'!

*

ס'איז א טייטש דא פון "רבי דוד צבי"[לט] - רבי נתן'ס שווער, "נתן תתן" - דו זאלסט 'גיבן' דאס 'געגיבענע'! א מענטש האט צדקה אין 'פושקע', ער לייגט אריין תמיד צדקה, איז דא אסאך געלט אין די פושקע, נאכדעם אז ס'קומט אן ארימאן קען ער איהם געבן א גרויסע נתינה, און ס'איז איהם נישט שווער אויך! "נתן תתן" - דו זאלסט גיבן דאס 'געגיבענע', "ואל ירע לבבך" - פארוואס? ווייל דו האסט דאך שוין דאס געלט פריער! דו האסט שוין א גאנצע פושקע געלט!

מען האט געזעהן אזוי ביי רבי מיכל'ע,[מ] א גאנצע פושקע פול מיט געלט, פול פול מיט געלט, אז ס'איז געקומען א ארימאן האט ער געגעבן א שיינע נתינה! די געלט איז געלעגן פריער! "נתן תתן" - דו זאלסט געבן דאס געגיבענע, וועט זיין "ואל ירע לבבך" - ס'וועט דיר נישט זיין שווער צו געבן אויך, דו האסט דאך ביי דיר א פושקע מיט געלט!

*

אונזערע לייט פלעגן געבן צדקה פאר'ן שלאפן, זיי פלעגן געבן צדקה פאר'ן עסן, און פאר'ן בענטשן, ווי האט ער געגעבן? ער האט א פושקע, ערווארפט אריין, דאס הייסט אלס 'מפריש' געווען, דאס הייסט שוין 'צדקה', מפריש זיין - איז אליין א זאך! 'מפריש זיין' איז שייך ביי יעדעם איינעם, נישט יעדער איינער האט דער ארימאן, ער איז אין א דארף - צו וואס, אבער 'מפריש זיין' קען ער! מפריש לצדקה - איז שוין אויך גלייך ווי געגעבן!

---

[לט] ה"ה הגאון המפורסם רבי דוד צבי אויערבאך זצ"ל, שהיה מכונה ע"י בני דורו "דער גרויסער ר' דוד צבי", רב ואב"ד המחוזות שאריגראד, קרעמיניץ, מאהילוב ועוד.

[מ] רבי מיכל ב"ר יצחק בן מוהרנ"ת ז"ל.

איינער איז זיך מרגיל מיט 'מעשר' - איז אויך דאס אייגענע, מען לייגט אוועק דאס געלט באזונדער, "דאס איז מעשר געלט", דערווייל האט ער נאר מפריש געווען, ער האט נאכנישט געגיבן!

רבי מיכל'ע פלעגט אזויפיל מאל א טאג געבן צדקה, דער 'לשם יחוד' אויף צדקה האט ער יעדע מאל געזאגט - דער לשם יחוד פון 'שערי ציון'! "נאשק'ע" עליו השלום[מא] האט מיר דערציילט; ער איז נאר געווען אויף ביינאכט חצות - האט ער שוין מפריש געווען צדקה, און ער איז געגאנגען עסן - עטליכע מאל געגעבן צדקה, פאר'ן וואשן זיך, און פאר'ן בענטשן! מסתמא האט ער עס געזעהן פון זיין טאטע'ן רבי יצחק, און רבי יצחק פון רבי נתן'ען![מב]

(השואל; רבי מיכל האט געדענקט רבי נתן'ען?) יא! ער איז אלט געווען 'זיבן - אכט יאר' ווען רבי נתן איז נפטר געווארן, און "רבי דוד צבי" (אחיו) איז אלט געווען 'פופצן - זעכצן יאר'!

רבי נתן האט נאכגעזאגט דאס ווארט פונעם שווער (- נתן תתן הנ"ל)!

איך וויים - ארימעלייט (מאנ"ש) פלעגן געבן שיינע צדקות! פון וואנעט האבן זיי געהאט? אז זיי האבן מפריש געווען געלט, אז ס'איז געקומען אן ארימאן האט ער איהם א נתינה געגעבן!

דער 'הפרשה' הייסט אויך געגעבן, 'כמה' איז דא אין חז"ל ביי די קרבנות 'המותר', 'המותר',[מג] פארוואס 'המותיר'? מען האט 'מפריש' געווען פריער, און נאכדעם איז געווארן.

---

[מא] רבי נאשקע טולטשינ'ער ז"ל, ה"ה ר' נחמן ב"ר שכנא ב"ר דוד צבי ב"ר יצחק בן מוהרנ"ת ז"ל, מחשובי אנ"ש.

[מב] עי' שבחי הר"ן אות י"ג: וּבִתְחִלָּה בִּימֵי יַלְדוּתוֹ הָיָה נוֹהֵג שֶׁהָיָה לוֹקֵחַ אֵיזֶה גְּדוֹלִים, וְהֶחֱלִיפָם עַל טְפָלִים, וְנִכְנַס לְבֵית הַכְּנֶסֶת בְּהֶצְנֵעַ דֶּרֶךְ חַלּוֹן וְכַיּוֹצֵא, וְלָקַח עִמּוֹ הַסֵּפֶר "שַׁעֲרֵי צִיּוֹן", וְאָמַר הַלְּשֵׁם יִחוּד שֶׁל עֲשִׂיַּת מִצְוָה, וְלָקַח טָפֵל אֶחָד וְהִשְׁלִיכָהּ לְתוֹךְ הַמַּתָּן בַּסֵּתֶר, וְאַחַר־כָּךְ חָזַר וְעָשָׂה עַצְמוֹ כְּאִלּוּ הוּא מַסִּיחַ דַּעְתּוֹ מִזֶּה, וְאַחַר כָּךְ חָזַר וְאָמַר לְשֵׁם יִחוּד הַנַּ"ל, וְחָזַר וְהִשְׁלִיךְ פְּרוּטָה אַחַת לְתוֹךְ הַמַּתָּן בַּסֵּתֶר, וְחָזַר וְהִסִּיחַ דַּעְתּוֹ וְחָזַר וְאָמַר הַלְּשֵׁם יִחוּד הַנַּ"ל וְהִשְׁלִיךְ עוֹד פְּרוּטָה אַחַת, וְכֵן חָזַר וְעָשָׂה כַּמָּה פְּעָמִים, עַד שֶׁהִשְׁלִיךְ כָּל הַפְּרוּטוֹת לְתוֹךְ הַמַּתָּן בַּסֵּתֶר, וְעַל כָּל פְּרוּטָה וּפְרוּטָה אָמַר הַלְּשֵׁם יִחוּד הַנַּ"ל, וְכַוָּנָתוֹ הָיָה כְּדֵי שֶׁיַּעֲשֶׂה מִצְווֹת רַבּוֹת, כִּי עֲבוֹדָתוֹ הָיָה בִּפְשִׁיטוּת גָּמוּר בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת כְּלָל.

[מג] עי' שקלים פרק ב' משנה ה'.

*

(ממשיך בליקוטי מוהר"ן תו' ב' שם) **וְזֶה שֶׁאָמְרוּ חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה** (בבא בתרא קכג.): **'לָמָּה נָתַן יַעֲקֹב אֶת הַבְּכוֹרָה לְיוֹסֵף?** - 'בכורה' טייטשט דער רבי אויבן[מד] אויף די 'עבודת התפילה', האט ער דאס אוועקגעגעבן יוסף'ן, 'יעקב' - איז 'משפט', פארוואס האט ער געגעבן פונקט יוסף'ן? יוסף האט געגעבן צדקה! **בִּשְׁבִיל שֶׁכִּלְכֵּל אוֹתוֹ, מָשָׁל לְבַעַל הַבַּיִת שֶׁגִּדֵּל יָתוֹם בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ' וְכוּ'**, יוסף האט געגעבן צדקה, איז דער 'משפט' - 'יעקב' - האט איהם אוועקגעגעבן דער 'בכורה' - די 'תפילה'!

*

# 'להרחיב הפתחים של הקדושה'

דער רבי זאגט דאך אין די תורה פון "ואת העורבים",[מה] אז די צדקה מאכט אויף דעם 'פתח', און מאכט ברייטער דער טיר! אז ער האט א 'פתח' ווערט עס ברייטער - דער אידישקייט! אז ער גייט אריין אין א עבודה, און ער זעהט אז ס'איז איהם שווער, דורך צדקה - ווערט זיך ברייטער, און נאך ברייטער, אן 'עבודה' פון צדקה!

קען זיין אז דער רבי זאגט אזוי; אזוי - (בלי לשבר האכזריות) איז דא א מצוה, אבער אן 'עבודה' פון צדקה, אן 'עבודה' - איז עפעס אנדערש! געבן אסאך מאל אין טאג!

---

[מד] אות ב'.

[מה] זה לשונו בקיצור ליקוטי מוהר"ן שם אות א' - ג'; עִקַּר עֲבוֹדַת הַצְּדָקָה הִיא לְשַׁבֵּר הָאַכְזָרִיּוּת שֶׁלּוֹ לְהָפְכוֹ לְרַחֲמָנוּת לְהִתְנַדֵּב לִצְדָקָה. כִּי מִי שֶׁהוּא רַחֲמָן בְּטִבְעוֹ וְנוֹתֵן צְדָקָה מֵחֲמַת רַחֲמָנוּת שֶׁבְּטִבְעוֹ, אֵין זֶה עֲבוֹדָה, עַל־כֵּן כָּל הַנְּדִיבֵי לֵב שֶׁרוֹצִים לְקַיֵּם מִצְוַת צְדָקָה כָּרָאוּי, צְרִיכִין לֵילֵךְ וְלַעֲבֹר בַּתְּחִלָּה דֶּרֶךְ בְּחִינָה זֹאת, דְּהַיְנוּ שֶׁבַּתְּחִלָּה צְרִיכִין לְשַׁבֵּר הָאַכְזָרִיּוּת שֶׁלָּהֶם שֶׁבְּטִבְעָם לְהָפְכוֹ לְרַחֲמָנוּת לִתֵּן צְדָקָה, כִּי זֶה עִקַּר עֲבוֹדַת הַצְּדָקָה כַּנַּ"ל. וְעַל־יְדֵי־זֶה נִתְהַפֵּךְ גַּם רֹגֶז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לְרָצוֹן ... הַצְּדָקָה מַרְחֶבֶת כָּל הַפְּתָחִים שֶׁל הַקְּדֻשָּׁה, שֶׁכְּשֶׁאָדָם נִכְנָס בְּאֵיזֶה דֶּרֶךְ וַעֲבוֹדָה מֵעֲבוֹדַת ה', אָז הוּא צָרִיךְ לִפְתֹּחַ שָׁם פֶּתַח לִכְנֹס בְּאוֹתוֹ הַדֶּרֶךְ, וּבִשְׁבִיל זֶה כָּל הַהַתְחָלוֹת קָשׁוֹת, וְעַל־יְדֵי הַצְּדָקָה מַרְחִיב הַפֶּתַח. וַאֲפִלּוּ כְּשֶׁיֵּשׁ כְּבָר פֶּתַח, הַצְּדָקָה מַרְחֶבֶת וּפוֹתַחַת בְּיוֹתֵר כָּל הַפְּתָחִים שֶׁל הַקְּדֻשָּׁה, וְעַל־כֵּן קֹדֶם כָּל מִצְוָה וַעֲבוֹדָה טוֹב לִתֵּן צְדָקָה, כְּדֵי לְהַרְחִיב פֶּתַח הַקְּדֻשָּׁה שֶׁצָּרִיךְ לַעֲשׂוֹת בַּעֲבוֹדָתוֹ, וְלֹא יִהְיֶה קָשֶׁה וְכָבֵד עָלָיו כָּל־כָּךְ לִכְנֹס בָּהֶם:

אז מען טוהט דער זאך מיט א הרגל - (אין זה באותה החשיבות), נישט נאר 'צדקה', יעדע זאך איז אזוי, איך דאווען - דאווענען איז א עבודה, "עבודה שבלב היא תפילה",[מ] און אזוי יעדע מצוה, ס'איז דא אין דעם חילוקים, אז ס'איז א 'עבודה' איז עס אנדערש!

(אז ער גיבט) צדקה עטליכע מאל אין טאג, מיט א 'לשם יחוד', מאכט ער ברייטער אויך! דאווענט זיך בעסער! און אזוי ביי יעדע מצוה!

דער רבי - אין דער תורה "ואת הערבים" - זאגט נישט דער רבי נאר ביי 'תפילה' מאכט מען ברייטער דעם פתח! דער רבי זאגט 'עבודת השם'! ער וויל אריינגיין אין דער עבודה, אין דעם דרך, און דעם עבודה, דארף מען דארטן עפענען א טיר צו אריינגיין אין דעם דרך! און אז ער האט שוין געעפענט דער טיר, דארף ער עפענען דער טיר ברייטער! רעדט דער רבי - נישט נאר פון 'תפילה', נאר יעדער עבודה, יעדער זאך וואס א מענטש וויל טוהן, דארף מען עפענען א טיר - אריינגיין אין דער זאך אריין! און ווי אזוי? דורך צדקה!

אז ער האט שוין געעפענט - וועט ווערן נאך ברייטער דער טיר, ברייטער! צדקה עפענט - און מאכט ברייטער!

מען האט געזעהן אידן יראי השם, (בשעת זיי האבן געטוהן עניני) עבודת השם, מען איז געגאנגען וואשן זיך צום עסן - האט מען געגעבן צדקה, און פאר'ן שלאפן - אריינגעווארפן פאר צדקה! אלס דער ענין פון צדקה - אן 'עבודה'!

*

# 'לפי הטף'

- האלט ער אהן אין 'משפט'! דערפון איז ער זוכה צו די 'בכורה' - 'תפילה'! כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בראשית מ"ז): "וַיְכַלְכֵּל יוֹסֵף אֶת אָבִיו וְאֶת אֶחָיו לֶחֶם - דאס הייסט דורך צדקה - לְפִי הַטָּף".

כְּמוֹ (יחזקאל כ"א): "הַטֵּף אֶל דָּרוֹם" (לשון דבור), ס'איז א פסוק איז דא - איז דארטן טייטש רעדן! ויכלכל יוסף - לפי 'הטף' - רעדט זיך! ביי התבודדות רעדט זיך

[מ] מס' תענית דף ב' ע"א.

- דעמאלטס רעדט זיך דיבורים! אז מען וויל ס'זאל זיך רעדן - דורך 'צדקה' דעמאלטס רעדט זיך דיבורים!

ווייזט פון דאנעט אויס, אז יוסף - האט נישט נאר געגעבן צדקה, ער האט טאקע גערעדט אויך! ער האט גערעדט דיבורים (צום אויבערשטן)! דער רבי טייטשט דאך "לפי הטף" - א לשון 'רעדן'!

יוסף האט געגעבן צדקה, ער האט געשפייזט דעם טאטע'ן מיט די ברודער, און "לפי הטף" - ס'האט זיך גערעדט!

אין די תורה ל"ד,[מז] ברענגט דער רבי דער פסוק פון יוסף; "דברים המתיישבין על הלב", "כפי כן לבי", ער האבן גערעדט!

עס שטייט "לְפִי הַטָּף", הַיְנוּ שֶׁהָיָה שְׁגוּרָה תְּפִלָּתוֹ בְּפִיו עַל־יְדֵי הַצְּדָקָה, דאס גייט דאך אויף יוסף'ן, דורך די צדקה וואס ער האט געגעבן יעקב'ן און די ברודער, האט זיך גערעדט! איז געווארן "שגורה תפילתו בפיו"!

איז אויך דאס אייגענע - יעדער זאך איז געווען ביי זיי 'עבודה', איז עס געווען אנדערש - אן עבודת השם!

וְעַל יְדֵי הַצְּדָקָה שֶׁעָשָׂה - יוסף האט געגעבן צדקה - נָתַן לוֹ יַעֲקֹב, שֶׁהוּא בְּחִינַת מִשְׁפָּט, אֶת הַבְּכוֹרָה שֶׁהוּא בְּחִינַת תְּפִלָּה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וַאֲנִי נָתַתִּי לְךָ שְׁכֶם", 'אֲנִי' דַּיְקָא, שֶׁהוּא בְּחִינַת מִשְׁפָּט.

*

## 'ציון במשפט תפדה'

(שם אות ה') וְעִקָּר שֶׁל הַמַּחֲשָׁבוֹת זָרוֹת הֵם עַל־יְדֵי קִלְקוּל הַמִּשְׁפָּט, ביי עבודת השם, אז מען האט מחשבות זרות, איז אלעם דורך קלקול המשפט, דער משפט איז קאליע!

[מז] שם אות ח'; וְזֶה שֶׁכָּתוּב אֵצֶל יוֹסֵף: "כִּי פִּי הַמְדַבֵּר אֲלֵיכֶם", וּפֵרֵשׁ רַשִׁ"י: 'כְּפִי כֵּן לִבִּי'. הַיְנוּ שֶׁהֵאִיר הַנְּקֻדָּה שֶׁלּוֹ, בַּבֹּאוֹ שֶׁלּוֹ. שֶׁהֵאִיר פִּי יְדַבֵּר חָכְמוֹת, בְּהָגוּת לִבִּי תְבוּנוֹת. וּכְתִיב בּוֹ: "וַיְדַבֵּר עַל לִבָּם", פֵּרֵשׁ רַשִׁ"י: 'דְּבָרִים הַמִּתְיַשְּׁבִין עַל הַלֵּב'. הַיְנוּ שֶׁהֵאִיר הַנְּקֻדָּה כְּלָלִיּוּת שֶׁלּוֹ, בְּלֵב כָּל יִשְׂרָאֵל.

כִּי מִשְׁפָּט הוּא בְּחִינַת עֵינַיִן. כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בראשית י"ד): "וַיָּבֹאוּ אֶל עֵין מִשְׁפָּט". זֶה בְּחִינַת (דברים ל"ג): "עֵין יַעֲקֹב", ביי יעקב שטייט 'עין', און ביי משפט שטייט 'עין', דארט שטייט 'עֵין' - און דער רבי טייטש דא 'עַיִן'.

וְעַל־יְדֵי קִלְקוּל מִשְׁפָּט בָּא קִלְקוּל לָעֵינַיִן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (דברים ט"ז): "כִּי הַשֹּׁחַד יְעַוֵּר עֵינֵי חֲכָמִים", 'שוחד' איז דאך 'קלקול המשפט' - איז 'יעור עיני חכמים'! ס'ווערן קאליע די אויגן! ס'ווערט א קלקול צו די אויגן!

זֶה בְּחִינַת מַחֲשָׁבוֹת זָרוֹת שֶׁבַּתְּפִלָּה, שֶׁהֵם עֲנָנִין דִּמְכַסִּין עַל עֵינַיִן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (איכה ג): "סַכֹּתָה בֶעָנָן לָךְ" וְכוּ', די 'ענן' דעקט צו אויף די אויגן, דאס איז אזעלכע קליפות - די מחשבות זרות, פון וואנעט נעמט זיך דאס? פון קלקול המשפט!

וּלְעָתִיד שֶׁיִּתְקַן בְּחִינַת מִשְׁפָּט, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (ישעיהו א): "צִיּוֹן בְּמִשְׁפָּט תִּפָּדֶה" - אינגאנצן דער קאפיטל אין ישעי' שטייט אלס פון "ורודף שלמונים, יתום לא ישפטו, וריב אלמנה לא יבא עליהם", די וויין דארטן איז געמישט, אלס פון געלט זאכן, דערפאר זענען אונז אין גלות! (אבער לעתיד) "ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה" - גיב צדקה וועט זיין אינגאנצן די גאולה וועט זיין!

די אלע עבודות, טאמער ס'איז דארטן א חשש פון גזילה, האט עס דער אויבערשטער פיינט, "שונא גזל בעולה", א צדקה - און ס'איז נישט דיינע געלט - האט דער אויבערשטער אויכעט פיינט! מיט יענעם'ס געלט דארפסטו געבן צדקה?! א מענטש טוהט א זאך, ער וויל קויפן א אתרוג, א מצוה, אבער נישט מיט זיינע געלט, ער וועט גנב'נען דארטן עפעס געלט און קויפן א שיינעם אתרוג, "איך דארף נישט דיין עבודה"!

יעדע זאך - דער חשיבות דערפון איז נאר אז ס'זאל "במשפט", ס'זאל זיין אהן קיין שום חשש פון קיין 'גזילה', און ווי קומט מען דערצו? דורך צדקה! ווייל א מענטש - אז ער איז עוסק אין צדקה - איז ער דאך שוין נזהר אין געלט זאכן!

זאגט דער רבי, אֲזַי יִתְעַבֵּר עֲנָנִין דִּמְכַסִּין עַל עֵינָא. כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שם נ"ב): "כִּי עַיִן בְּעַיִן יִרְאוּ בְּשׁוּב ה' צִיּוֹן", לעתיד וועט זיין אזא מין התגלות, מען וועט ארויסזעהן דעם אויבערשטן 'עין בעין', פארוואס? ווייל דעמאלטס וועט זיין דער

משפט פארראכטן! ס'וועט זיין 'עין משפט', ס'וועט נישט זיין קיין קלקול אין דעם משפט, ס'וועט זיין "עין בעין יראו"!

דורך 'תיקון המשפט', אז מען וועט נישט אפ'נאר'ן יענעם, מען וועט נישט גנב'נען ביי יענעם, לעתיד וועט זיין א התגלות דערפון!

דער רבי רעדט טאקע פריער,[מח] "משפטך למלך תן" - שטייט ביי משיח'ן, קאפיטל ע"ב; "ישפוט עניי עם, יושיע לבני אביון", אלעס וואס משיח וועט קענען זיין - איז דורך די דאזיגע זאכן, ס'זאל נישט זיין קיין שום גזילה, קיינער זאל נישט טשעפענען דעם צווייטן מיט קיין געלט זאכן, וועט זיין אזא מין "עין בעין", מען וועט ארויסזעהן דאס התגלות אלקות "עין בעין"! אז ס'וועט נישט זיין קיין פגם אין "עין משפט", וועט זיין אזא מין "עין בעין"!

**וּבִשְׁבִיל זֶה נִקְרָא יוֹסֵף** (בראשית מ"ט)**: "בֵּן פֹּרָת עֲלֵי עָיִן"**, ער האט דאך געהאט לעכטיגע אויגן, שיינע אויגן האט ער געהאט - "בן פורת עלי עין", פארוואס? ווייל ער האט דאך זוכה געווען צו משפט און צו די צדקה, און צו די תפילה, צו די בכורה, דערפאר איז ער "בן פורת עלי עין"!

דער רבי זאגט דאך דא אז 'מחשבות זרות' - דאס איז די 'ענין', ס'איז פסוק דא אין איכה "סכותה בענן לך מעבור תפילה", די תפילות קענען נישט ארויפגיין צום אויבערשטן, ס'איז מיט אן 'ענן' צוגעדעקט, וואס איז דער ענן - וואס דער ענן לאזט נישט צו דער תפילה? דאס איז די מחשבות זרות! דאס איז א מין 'ענן', א 'חושך', אין זיי לאזן נישט צו דער תפילה זאל קענען גיין צום אויבערשטן!

פון וואנעט נעמט זיך צו מחשבות זרות? זאגט דער רבי ס'נעמט זיך פון 'קלקול המשפט', 'געלט זאכן' דארף מען האבן א געוואלדיגע זהירות! מען זעהט דאך אז דער ענין פון א 'פרוטה', "דין פרוטה כדין מאה"![מט] איינער האט געשוואוירן דארטן - ביי געלט זאכן, אויב א 'פרוטה' - דארף ער פארן קיין 'מדי', און לייגן 'טויזענטער דאלארן' יענעם אפגעבן דעם פרוטה!

---

[מח] אות ג'.

[מט] מס' סנהדרין דף ח' ע"א.

זעהט מען דאך אלס ארויס אז 'ממונות' איז עפעס אזא מין געוואלד, ס'איז נישט קיין נפקא מינה צו ס'איז אסאך - צו אביסל, אויב ס'איז נאר א 'פרוטה' איז שוין דער דין גזילה!

*

אז מען האט ריינע אויגן צום אויבערשטן - מיט ריינע אויגן איז "עין בעין יראו", דעמאלטס האט מען נישט קיין 'מחשבות זרות' - איז דער 'ענן' נישטא, דער ענן מאכט פינסטער די אויגן, "עננין דמכסין על עיינין", זיי מאכן פינסטער די אויגן!

די אויגן איז 'עיני השכל' אויך, ס'איז דא 'עיני השכל', וויבאלד אז די אויגן זענען ריינע אויגן, נישט קיין בלינדע אויגן, איז די שכל א אנדערע שכל! "עינים על שם החכמה נאמר", ממילא איז דער דאווענען א אנדערע דאווענען!

דער רבי רעדט דאך פריער דערפון,[נ] אז מען דארף מקבל זיין דער תפילה דורך יוסף - דורך שמירת הברית, און דעמאלטס קען מען מיט די תפילה האלטן מלחמות, און כובש זיין מלחמות!

- ממילא דארף יעדער איינער - **וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְכַוֵּן בִּתְפִלָּתוֹ, שֶׁיְּקַשֵּׁר עַצְמוֹ לַצַּדִּיקִים שֶׁבַּדּוֹר**, (שם אות ו').[נא]

*

[נ] אות ב'.

[נא] רצ"ל כי הם שומרי הברית באמת, עי' ליקוטי עצות ערך תפלה אות ד'. וז"ל בליקוע"צ המבוארות (מרבי שמשון ברסקי) שם; אי אפשר לזכות לתפלה בשלמות רק על ידי שמירת הברית בשלמות. היינו, שמירת המח מהרהורים רעים וממחשבות רעות בכל האופנים, ובפרט מהרהורי זנות. וכיון שלשמירת הברית בשלמות זוכה רק צדיק האמת, מחמת זה צריך כל אדם לקשר עצמו בתפלתו לצדיק האמת, כי רק צדיק האמת הזוכה לשמירת הברית בשלמות, יכול מחמת זה, להעלות כל תפלה למקום שצריכה לגעת, היינו להשם יתברך. ועל ידי שצדיקי אמת מעלים תפלות ישראל להשם יתברך, יבוא משיח ותבוא הגאולה השלמה ברחמים רבים.

כִּי כָּל צַדִּיק שֶׁבַּדּוֹר הוּא בְּחִינַת מֹשֶׁה מָשִׁיחַ, ס'איז אויך א נייע - אז מען זאגט "צדיק שבדור" מיינט מען נישט נאר פון 'דעם דור', "צדיק שבדור" קען זיין פון 'כמה דורות', ער איז דער צדיק פון דעם דור אויך![נב]

כְּמוֹ שֶׁמָּצִינוּ, שֶׁהַצַּדִּיקִים קוֹרִין זֶה לָזֶה מֹשֶׁה, כְּמוֹ 'מֹשֶׁה שַׁפִּיר קָאֲמַרְתְּ', ס'איז דאך "שפיר קאמרת", משה 'שפיר קאמרת', "ער רעדט גוט", ער קען גוט 'דאווענען', "שפיר קאמרת"!

דארף יעדער איינער מכוון זיין בתפילתו ער זאל זיך מקשר זיין לצדיקים שבדור.

וּמֹשֶׁה זֶה בְּחִינַת מָשִׁיחַ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (בראשית מ"ט): "עַד כִּי יָבֹא שִׁילֹה" – 'דָּא מֹשֶׁה מָשִׁיחַ', שיל"ה באטרעפט טאקע מש"ה.[נג]

*

# 'ויקם משה את המשכן'

זאגט דער רבי, וְכָל תְּפִלָּה וּתְפִלָּה שֶׁכָּל אֶחָד מִתְפַּלֵּל הוּא בְּחִינַת אֵיבָר מֵהַשְּׁכִינָה, יעדער תפילה וואס יעדער איינער איז מתפלל איז 'בחינת אבר מהשכינה', פון דאנעט איז דער ראיה אז 'יעדע תפילה' דארף מען מקשר זיין - נישט נאר די דריי תפילות, וואס א מענטש האט עפעס - ער בעהט דעם אויבערשטן - וואס מען רעדט צום אויבערשטן דיבורים - איז אויך א תפילה! ס'איז א 'תפילה'! דארף ער זיך מקשר זיין צו דעם צדיק! "וכל תפילה ותפילה"!

(השואל; פון וואנעט נעמט מען אז אלע עבודות, תורה, מיט מצוות, וואס מען טוהט זאל מען מאכן בהתקשרות צום צדיק?) ווייזט זיך אוים אלס דערפון, ווייל ס'האט נישט קיין שלימות (בלי התקשרות) - אזוי ווי דער רבי זאגט דא, ס'איז פון דאנעט א געוואלדיגע ראי' - א

---

[נב] עי' עלים לתרופה - מכתבי רבי נחמן מ'טולטשין, מכתב א'; וְהַיּוֹם לָמַדְתִּי הַמַּאֲמָר הַקָּדוֹשׁ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן קכ"ג) "הָעִקָּר וְהַיְסוֹד שֶׁהַכֹּל תָּלוּי בּוֹ, לְהִתְקַשֵּׁר לְהַצַּדִּיק שֶׁבַּדּוֹר וּלְקַבֵּל דְּבָרָיו עַל כָּל אֲשֶׁר יֹאמַר כִּי הוּא זֶה דָּבָר קָטָן וְדָבָר גָּדוֹל" וְכוּ'. וּכְבָר מֻנָּח כְּלָל בְּיָדֵינוּ אֲשֶׁר כָּעֵת הוּא הַצַּדִּיק שֶׁבַּדּוֹר אדומו"ר זצוק"ל. וְיֵשׁ בָּזֶה דִּבּוּרִים הַרְבֵּה לְבָאֵר... [עי' גם שער מאמרי רז"ל להאריז"ל מס' עירובין דף נ"ט ע"ב ענין רבי פרידא "דנזכה את ודרך לעלמא דאתי", עיי"ש].

[נג] זוהר הק' בראשית דף כ"ה ע"ב.

מענטש אליין אז ער האלט נישט ביי דער תפילה, אין דעם שלימות, אין דעם שמירת הברית, זאגט דער רבי - ער זאל זיך מקשר זיין צו דעם צדיק!

בשעת אז דו האלסט נישט (ביי דעם דרגה), און דער צדיק האלט יא, ווייזט דאך עפעס אויס אז דאס 'התקשרות' וואס מען איז זיך מקשר צו דעם צדיק פאר'ן דאווענען - האט עפעס א כח אז זיין תפילה האט מער שלימות! כאטש ווי אזוי זיין תפילה איז - איך זעה דאך ס'האט א כח! און אזוי איז יעדער מצוה אזוי, יעדער לימוד איז אזוי, וואס ער טוהט עפעס א זאך, כאטש ער אליין איז ווייט פון דעם שלימות פון דער זאך, אז ער איז זיך מקשר צו דעם 'צדיק השלם' - האט דער זאך מער![נד]

אזוי ווי תפילה! וואס איז דער חילוק פון תפילה? תפילה האט יא א כח (בהתקשרות להצדיק) - און אנדערע זאכן נישט?! אז איך אליין בין נאך ווייט פון דער תפילה, איך האב דאך נישט דעם 'יוסף' - דעם 'שמירת הברית' וואס דער תפילה דארף האבן, און דעמאלטס איז עס א "כלי זיין" צו כובש זיין מלחמות - האב איך דאך עס נישט - דארף איך זיך מקשר זיין צו דעם צדיק וואס ער האט עס יא, דערמיט האט מיין תפילה מער שלימות! איז יעדע זאך אויך אזוי, יעדער עבודה!

דער רבי וועט זאגן ווייטער 'תורה' אויך - "וכל התורה שאדם לומד לשמור ולעשות", און דער רבי רעדט דא פון 'צדקה', און דער רבי רעדט פון 'משפט'! אין דער תורה שטייט שוין תפילה, און תורה, און צדקה, און משפט! ס'איז איין זאך, אלע זאכן איז איין זאך!

*

---

[נד] עי' ליקוטי הלכות הל' בציעת הפת ה' אות כ"ג: עַל-פִּי הַנַּ"ל מְבֹאָר שֶׁצָּרִיךְ כָּל אָדָם לְכַוֵּן דַּעְתּוֹ תָּמִיד, בִּפְרָט בְּעֵת עָסְקוֹ בְּתוֹרָה וּמִצְווֹת, שֶׁיִּהְיֶה נִמְשָׁךְ עָלָיו הַהֶאָרָה מֵהַצַּדִּיק הָאֱמֶת שֶׁעוֹסֵק תָּמִיד לְעוֹרֵר וּלְהָאִיר שָׁרְשֵׁי נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל עַל-יְדֵי עָסְקוֹ בַּתּוֹרָה כַּנַּ"ל, כִּי זֶה יָדוּעַ וּמוּבָן לַכֹּל שֶׁאַף-עַל-פִּי שֶׁהַצַּדִּיק עוֹסֵק לְהָבִיא הֶאָרָה וְהִתְעוֹרְרוּת אֲפִלּוּ לְפוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל, אַף-עַל-פִּי-כֵן בְּוַדַּאי צְרִיכִין לָזֶה גַּם אִתְעָרוּתָא דִּלְתַתָּא מֵהָאָדָם עַצְמוֹ, בִּבְחִינַת אִם תָּעִירוּ וְאִם תְּעוֹרְרוּ אֶת הָאַהֲבָה עַד שֶׁתֶּחְפָּץ כַּיָּדוּעַ. וְכָל מַה שֶּׁהָאָדָם מְכַוֵּן דַּעְתּוֹ לָזֶה בְּיוֹתֵר, וְעוֹסֵק בַּתּוֹרָה בְּיוֹתֵר, בְּוַדַּאי נִמְשָׁךְ עָלָיו הֶאָרָה בְּיוֹתֵר, עַד שֶׁיִּזְכֶּה לָשׁוּב לַה' יִתְבָּרַךְ בִּשְׁלֵמוּת.

**וְכָל תְּפִלָּה וּתְפִלָּה שֶׁכָּל אֶחָד מִתְפַּלֵּל הוּא בְּחִינַת אֵיבָר מֵהַשְּׁכִינָה, שֶׁהֵם אֶבְרֵי הַמִּשְׁכָּן, שֶׁאֵין שׁוּם אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל יָכוֹל לְאַעֲלָא שַׁיְפָּא בְּשַׁיְפָּא כָּל חַד לְדוּכְתֵּיהּ**, קיינער - שום אחד מישראל - ווער ער איז, דער גרעסטער, קען ער נישט צונויפטוהן די "שייפא בשייפא", **אֶלָּא מֹשֶׁה בִּלְחוּד** - נאר משה אליין!

און דעם דור פון משה איז דאך געווען בצלאל, בצלאל איז געווען א גערואלד, און אלע צדיקים זענען דעמאלטס געווען, אהרן הכהן, מיט די קינדער, ס'איז געווען צדיקים, ס'איז געווען שבעים זקנים, אלע בעלי רוח הקודש, משה האט זיי ממנה געווען פאר שרים, קיינער האט נישט געקענט צונויפשטעלן דעם משכן נאר משה אליין!

דער רבי זאגט "שאין שום אחד מישראל", איז פשט - אפילו דער גרעסטער, נאר ער אליין - 'ויקם משה את המשכן'!

**בִּשְׁבִיל זֶה צָרִיךְ לְהָבִיא וּלְקַשֵּׁר כָּל הַתְּפִלּוֹת לְצַדִּיק הַדּוֹר, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (שמות ל"ט)**: "וַיָּבִיאוּ אֶת הַמִּשְׁכָּן אֶל מֹשֶׁה". וְהוּא יוֹדֵעַ לְאַעֲלָא שַׁיְפָּא בְּשַׁיְפָּא וְלַעֲשׂוֹת אוֹתָהּ קוֹמָה שְׁלֵמָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב** (שם מ)**: "וַיָּקֶם מֹשֶׁה אֶת הַמִּשְׁכָּן".**

ס'ווערט געבראכט, אז דער משכן - וואס יעדער איינער האט געגיבן - האט א חלק אין זיין 'עבודה', נישט נאר - אז יענער האט געגעבן א 'העקעלע', דער האט געגעבן א 'צענטל גאלד', דער האט געגעבן 'אזויפיל', ס'איז אלס די 'עבודות' וואס יעדער איינער האט געטוהן - די עבודות פון די מצוות ומעשים טובים וואס ער האט געטוהן - דאס רופט ארוים דעם חלק!

אבער דער פשט איז - נישט דער תפילה אליין, נאר יעדער דבר טוב, יעדער מצוה, וואס ער האט עפעס - גיבט ער אריין א חלק אין דער משכן!

עס שטייט אין חיי מוהר"ן,[נה] (אז אמאל האט ער זיך) באנוצט מיט אן עבודה - (ער האט געדארפט צוקומען צו) אזא מין השגות אלקות - האט ער זיך באנוצט מיט אן עבודה פון

---

[נה] אות של"ו; סִפֵּר עִם אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ, וְאָמַר שֶׁזֶּה יוֹם שְׁלִישִׁי שֶׁעָמַד עַל דָּבָר אֶחָד, הַיְנוּ עַל אֵיזֶה הַשָּׂגָה, וְלֹא הָיִיתִי יָכוֹל לְהַשִּׂיגָהּ, עַד שֶׁהִשְׁתַּמַּשְׁתִּי בְּאֵיזֶה עֻבְדָּא מֵאֶחָד מֵאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ, וְעַל יְדֵי זֶה עָמַדְתִּי עַל הַדָּבָר וְהִשַּׂגְתִּי הַהַשָּׂגָה...

זיינע מענטשן - האט זיך דער רבי באנוצט! איז דאך נישט נאר 'תפלות', ס'איז נאך זאכענישן דא!

זאגט דער רבי אזוי; **וְכָל הַתּוֹרָה שֶׁאָדָם לוֹמֵד לִשְׁמֹר וְלַעֲשׂוֹת** - פון דאנעט איז א בפירוש'ע ראי' אז תורה אויך - (צריך להיות בהתקשרות להצדיק)!

**כָּל הָאוֹתִיּוֹת** - פון די תורה - **הֵם נִיצוֹצֵי נְשָׁמוֹת,** יעדער אות איז א ניצוץ נשמה, נאר וואס דען? אז מען לערנט לשמור ולעשות! אויב אז מען לערנט נישט לשמור ולעשות איז עס נישט אזוי! אז מען לערנט לשמור ולעשות - זאגט דער רבי - אלע אותיות איז ניצוצי נשמות! - - - (חסר ההמשך)

**על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס**

מוה"ר **משה אהרן שטויבער** הי"ו
מאנסי יצ"ו
ומחותנו מוה"ר **יואל פריעדמאן** הי"ו
קרית יואל יצ"ו
**לרגל נישואי בניהם למזל טוב**

מוה"ר **אביגדור הלוי מערמלשטיין** הי"ו
קרית יואל יצ"ו
ומחותנו מוה"ר **אפרים רובין** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל נישואי בניהם למזל טוב**

לע"נ ר' **אברהם** ע"ה בן ר' **משה דוד** הי"ו
נלב"ע א' דר"ה תשע"ט תנצב"ה

מוה"ר **יואל פאללאק** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב**

מוה"ר **נתן האבערפעלד** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל נישואי בנו כמר **יונה צבי** הי"ו למזל טוב

מוה"ר **שלמה שפירא** הי"ו
לייקוואוד יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב**

מוה"ר **נתן וואסילסקי** הי"ו
בארא פארק יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב**

הגיסים; מוה"ר **משה רייכמאן** הי"ו | מוה"ר **שלמה בנימין זילביגער** הי"ו
מוה"ר **חיים צבי שווארץ** הי"ו - מאנסי יצ"ו
לעילוי נשמת חותנם הרה"ח ר' **יהודה** ב"ר **אברהם** ז"ל **ליכטער**
נלב"ע כ' שבט תשע"ט, תנצב"ה